הספריה ע"ש ריב"ל אשר שמה לה למטרה לרכז בתוכה את הספרים של תקופת ההשכלה - מברכת על יזמה חשובה זו של "בני-ברית" בארצות הברית ומאחלת הצלחה למפעל. מחברר - אגב - כי כמחצית מהספרים הכלולים בשלב א' של Literaria Judaica-Hebraica מצויים כבר בספריה שלנו ואת החסר נשתדל לרכוש מהם.

ביצועו המעשי של מפעל זה הוא בידי המו"ל Ams Press, inc. 56 East 13th str. N.Y.

\- - - - - - - -

מסיבת חנוכה תשכ"ט. מדי שנה נוהגים אנו לקיים בחנוכה מיפגש חברתי של אנשי קרמניץ. אולם הפעם נתקלו העוסקים בכל בקשיים בלתי רגילים (ביהוד הקושי להשיג אולם במחיר סביר, וכך קשיים אחרים) לכן נאלצנו לוותר השנה על המיפגש בחנוכה. אנשי קרמניץ בחיפה נוהגים לקיים מיפגש מעין זה בפורים, ויש לצפות שהפעם ירבו להשתתף במיפגש זה גם חברים שמחוץ לחיפה, כפיצוי על מסיבת חנוכה שלא נערכה, וכבר עתה נאחל לחוגגים "פורים שמח!"

- - - - - -

תקון טעות. בחוברת מספר 2 של "קול יוצאי קרמניץ" ניתנה בעמוד 13 רשימה של "סכומים שנתקבלו מחו"ל". לצערנו נשמטה מרשימה זו תרומה של ישראל רויך מבואנוס-איירס בסך 50 דולר. אנו מתקנים בזאת את הרשימה ומבקשים את סליחתו של החבר רויך.

* * *

*



קטע מרחוב „שירוקה" בקרמניץ

א פראגמענט פון „שיראקא" גאס אין קרעמעניץ

רישום פחם: א. ארגמן

תל-אביב, ערב חנוכה תשכ"ט
15 דעצעמבער 1968

# אינהאלט


זייט

צום ערשיינען פון העפט נומער 4 – די רעדאקציע 25

בגיא ההריגה און אויפן אלטן בית עולם – י. מאנדל, ו. וואקמאן 27

צוזאמענפאר פון אלע קרעמעניצער – דער ועד פון ארגון 28

וואלטן אלע געווען וואו זיי – מאנוס גאלדענבערג 30

מיט די דייטשן אין קרעמעניץ נאך דער פארניכטונג –
(דערציילונג פון פרוי נינה וועלטשער-דאנציג) – מאנוס גאלדענבערג 35

זין פון קרעמעניצער אין די מערכות ישראל, מ. בר-ציון – א. ארגמן, י. רוכל 40

די קארטאפל פון דעם גראף טארנאווסקי אין די
קאסטנס פון ר׳ הערש מענדל רויכל – ב. באדשאפ ניו-יארק 44

פון קרעמעניצער פאלקלאר – ו. וואקמאן 45

ביכער איבערבליק: תעודה בישראל – י. רוכל 46

180 יאר פון ריב"לס געבורטס- טאג –"סאוועטיש היימלאנד" 49

<u>הלכו לעולמם</u>: דני וואצמאן; נחום ווישנער; 50
יוסף טאפס; אייניקל פון מרים און
נחמן דעטער, ניו-יארק; הדסה פרידמאן-מ.ג.

<u>פארשידענעס</u> – י.ר. דער אויפשטאנד אין געטא קרעמעניץ – 55
ווער האט דעם געטא פארברענט?

די יערליכע אזכרה; צו דעם באזוך פון בעלא בערנשטיין –
קודליאש אין ישראל; דאס מבטל מאכן פון חנוכה אוונד היי-יאר;
תיקון טעות; שוניה ריש׳ס טאכטער אין אמעריקע,
Literaria Judaica-Hebraica


רעדאקציע קאלעגיום: מ. אות-יקר (אוטיקער), א. ארגמן, י. גאלדבערג,
מ. גאלדענבערג, ש. טייטעלמאן, י. רוכל.

גראפישער סטיל – א. ארגמן

קארעקטור – יידיש – חנה גאלדענבערג

איבערזעצונגען אין יידיש: רחל נדיר – אוטיקער, שמואל טייטעלמאן

* *

פרייז 2 ל"י. די חברים ווערן געבעטן איבערווייזן דעם אפצאל
מיטן באקומען פון העפט.

* *

<u>אדרעס פון רעדאקציע</u>: ארגון יוצאי קרעמעניץ, רח׳ זכרון יעקב 8, תל-אביב.

* *

ת.נ.

## צום ערשיינען פון העפט נומער 4

- - - און ווידער זענען מיר פארפלייצט מיט בריוו פון אונדזערע לאנדסלייט אין אויסלאנד און אין ישראל, אין וועלכע עס שפיגלען זיך אפ די געמיינזאמע געפילן אונדזערע און די טיפע בענקשאפט צו אלעמען וואס מיר האבן פארלוירן. אבער דאס מאל זענען די בריוו נישט בלויז עמאציאנאל, נאר אין אייניקע פון זיי געפינען מיר אויך וויכטיקע און פראקטישע פארשלאגן ווי צו רעדאגירן די ווייטערדיקע העפטן, וועלכע נייע אפטיילונגען און וועלכער מאטעריאל איז וואונטשבאר, א.א. וו. דער דאזיקער צוגאנג זייערער צו "קול יוצאי קרעמעניץ", איז א צוגאנג פון אקטיווע שותפים, וועלכע זענען פאראינטערעסירט צו ווירקן אויף דעם צייטשריפט - אויסבעסערן זיין ניווא - דאס איז דאך אייגענטליך דער ציל פון די העפטן, וועלכע דארפן אויסדרוקן די געפילן און מיינונגען פון די קרעמעניצער לאנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות. מיר ווילן טאקי האפן דאס די רעדאקציע פון ׳ק.י.ק.׳ וועט אינגיכן פארברייטערט ווערן דורך חברים לאנדסלייט פון אויסלאנד.

מיר גיבן דא אייניקע אויסצוגן פון אט די בריוו. אט שרייבט אונדז פון ניו-יארק אונדזער חשובער לאנדנמאן דוד ראפאפארט, א שריפטשטעלער און זשורנאליסט, וועלכער רעדאגירט א פערטל-יאר שריפט אין יידיש, און איז יעצט דער סעקרעטאר פון קרעמעניצער סאסייעטי אין ניו-יארק. צוריק מיט א פאר מאנאט האט ער באזוכט ישראל.

"דער נומער 3 פון "קול יוצאי קרמניץ" איז זייער אינהאלטסרייך און אויסער-געוויינלעך בעשפאנט, ס׳איז געווען א נחת-רוח צו ליינען דאס זייער ווארעמע ארטיקל פונ׳ם אלטן וועטעראן פון יידישער זשורנאליסטיק און שעף רעדאקטאר פון דער ׳איטא׳, מענדל מאזעס, זיינע דערינערונגען פון קרעמעניץ און אירע מענטשן. נישט נאר זענען מיר קרעמעניצער פאעטיש-סענטימענטאל וועגן אונדזער שטאט און אונדזערע מענטשן, נאר אפילו אזא פראקטיצירטער שריפטשטעלער ווי מענדל מאזעס האט זיך צעגאסן אין אזא "אז ישיר" געזאנג. יוסף פאק׳ס ארטיקל וועגן גאלדפארב׳ן פרישט אפ א צייט פון א אידעאליסטישן לערער און פעדאגאג. אין אלגעמיין מעגט איר זיין שטאלץ מיט די אויסגאבן און דערגרייכונגען, וואס א סאך גרעסערע שטעט האבן נישט באוויזן אויפצוטאן. איר דארפט דעם זשורנאל אוועקשטעלן אויף א פערמאנענטן באזיס מיט אבאנענטן אויף א יערליכן אפצאל. "ק.י.ק." דארף ווערן א פערטל-יאר שריפט, וואס זאל דערגרייכן די ליינערס ערב ראש השנה, חנוכה, פסח און שבועות, - יום-טוב בלעטער. איך דענק איר דארפט

איר יעדן נומער שאפן א רובריק – א ביבלאגראפישע רשימה פון א צאל ביכער וואס – געפינען זיך אין דער ריב"ל ביבליאטעק, לאמיר זאגן – פון א צען ביכער אין א נומער מיט אן אויפקלערונג פון פינף–זעקס שורות וועגן דעם המציה און באדייטונג פון בוך. אויך, אז ס'עט זיך איינגיבן צו שאפן א טויזנט אבאנענטן וועט איר אפשר קענען דעם זשורנאל אפדרוקן, אנשטאט מולטיליט. אויך איז וויכטיג צו מאכן די נומערן מער פול–בלוטיק אינטערעסאנט, כ'מיין אז יעדער נומער זאל אויך ענטהאלטן א ליד, און ברוך השם ס'פעלט אונדז נישט פאעטישע שאפונגען פון קרעמעניצער, (ווי ימימה אבידר, הדסה רובין, העלען ווייינבערג, אחוץ מיין ווייניקייט). דאס ברענגט מיך צום געדאנק פון המשך, נאכוואוקס, צום צווייטן און דריטן דור קרעמעניצער קינדער אין די אמעריקעס, זיי לייענען אבער נישט קיין העברעאיש און נישט קיין יידיש, וועט איר דארפן פאר זיי צוגעבן ענגלישע און שפאנישע אפטיילונגען".

און אט שרייבט אונדז פון בוענאס איירעס אונדזער חשובער לאנדסמאן פריינט <u>מרדכי כץ</u>:

" – – – אייערע ווערטער זיינען ווי שטענדיק אדורכבעדרינגען מיט ברידערליכע הארציקע געפילן, און זענען "דברים היוצאים מן הלב". דאס 'קול פון קרעמעניץ' דארף און מוז געערט ווערן איבער דער גאנצער וועלט, וווּ נאר א קרעמעניצער געפינט זיך. אזעלכע ארטיקלען ווי פון י. רוכל, וועגן ד"ר זאב חסיד (קאליפארניע) און ד"ר מארק כץ (ניו–יארק), פילן אן אונדזערע הערצער מיט שטאלץ און כבוד. מיר לייענען מיט ווייטאק די ארטיקלען פון מענדל מאזעס און יוסף בערגמאן אין "סאוויעטישע היימלאנד". מיר געדענקען אסך די פארגאנגענהייט אבער מיטן פנים צו דער צוקונפט. עס וואלט דארום געווען זייער אינטערעסאנט און וויכטיק פאר די קרעמעניצער אין די תפוצות, איר זאלט געבן אין 'ק.י.ק.' פון צייט צו צייט א רשימה וועגן זיך און טעכטער פון אונדזערע לאנדסלייט אין ישראל. אפיצירן אדער פאראשוטיסטן מיר זענען זיכער אז עס זענען דא פיל אזעלכע. פון אייך זייט וועט דאס זיין פשוט אינפארמאציע און פון דער צווייטער זייט וועט זיך יעדער לאנדסמאן פילן ווי דאס וואלטן געווען זיינע אייגענע זין".

מיר נעמען אן אין פרינציפ די אויבנדערמאנטע פארשלאגן, און ווי ווייט מעגליך וועלן מיר זיי אויספירן. שוין אין היינטיקן העפט, נומער 4, גיבן מיר אייניקע ארטיקלען אין גייסט פון די דאזיקע פארשלאגן.

מיר ווענדן זיך באזונדערס אייער אויפמערקזאמקייט צו דעם פארשלאג וועלכער ווערט דא געבראכט וועגן א וועלט צוזאמענפאר פון קרעמעניצער. הלוואי זאל דער פלאן אנגענומען און באשטעטיקט ווערן און זאלן מיר בקרוב זען אויך זיין פארווירקליכונג.

די רעדאקציע.

*   *   *

י.ר.

## בגיא-ההריגה און אויפן אלטן בית-עולם

אין זיין בריוו פון קרעמעניץ פון 10.9.68, אדרעסירט צו חבר וואקמאן קיין אמעריקא, דערציילט דער געטרייער און איבערגעגעבענער ישראל מאנדל, וועגן גיא-ההריגה ווי אויך וועגן אלטן בית הקברות אין קרעמעניץ:

"דעם דענקמאל האב איך פארעכט , אויסגעבויט א פארקן און ארום געפלאנצט ביימער. איך וועל זיך באמיען דאס אלעס היטן אין ארדנונג אויך להבא.

איך שיק אייך בילדער פון דעם דענקמאל און אויך פון דעם פארקן, איך בעט אייך איבערגעבן צוויי פון זיי דעם הער בארשאפ און רחל סענדעראוויץ (מיט וועלכער כ׳האב זיך באגעגענט אין לעמבערג פאר 2 יארן).

אויפן קבר פון אונדזערע קדושים האב איך געדאוונט פאר די נשמות פון אלע אונדזערע אומגעקומענע ברידער.

איך האב אויך באזוכט דעם אלטן בית-עולם און דארט אויפן קבר פון דעם רב סענדעראוויץ און אויפן קבר פון דיין מוטער (געמיינט וואקמאנ׳ס מוטער ע"ה) מתפלל געווען.

אויפן אלטן בית-עולם זענען די מצבות אין גוטן צושטאנד. זאל גאט עלפן אז שלום זאל ערשן איבער דער גאנצער וועלט.

א גריס פון אלע קרעמעניצער. אונזער אלעמענס דאנק פאר דער הילף צום אויפשטעלן דעם דענקמאל און דעם פלויט ארום".

אונדזער פריינד וואקמאן האט אונז איבערגעשיקט די בילדער און מיר געבן זיי אין דעם העפט. וואקמאן שרייבט:

"עס ליגט אויף אונדז איין היילי קער חוב איבערגעבן די צוקונפטיקע דורות דעם זכר פון אונדזערע קדושים. זאל יעדער קרעמעניצער היטן די בילדער אין זיין היים און ווייזן זיי זיינע קינדער און זיי אזוי זאגן: "זע מיין קינד, דא זענען באגראבן אונדזערע שוועסטער, ברודער, עלטערן, קינדער, פערצן טויזנט נפשות (נאציקע קרבנות, ימח שמם) אלט און יונג. די גרובן האבן די קדושים אליין געגראבן, מיט זייערע אייגענע הענט געגראבן פאר זיך און פאר זייערע פיצעלעך קינדער! קוק און געדענק! געדענק און פארגעס ניט". "דו זעסט אט דעם דענקמאל! אויף איהם שטייט געשריבן, אז אין דעם גרויסן קבר זענען באגראבן 14 טויזנט אומשולדיקע <u>מענטשן</u>. סתם מענטשן,

און דעם נאמען "ייד" איז נישט דערמאנט, הס מלהזכיר, חאטש ס'זענען דארט באגראבן בלויז יידן, כשרע יידן. דאס איז אונדזער גורל צווישן גויים. געדענק און פארגעס נישט !!!"

- - - - - -

דרוקענדיק די ווערטער שיקן מיר אונדזער ברכה (צו וועט זי דערגייין?) דעם טייערן יידן ישראל מאנדל פון קרעמעניץ, וועלכער האט גענומען אויף זיך דעם הייליקן חוב צו היטן דעם אונז אלעמען טייערן קבר פון חילול הקודש.

מיר ווינטשן ישראל מאנדל אריכות ימים, געזונט און כח אויסצופירן די הייליקע שליחות. ער איז א שליח-ציבור. א שליח פון די קרעמעניצער באשר הם שם און "שליחי ציבור אינם ניזוקין" ווערן נישט געשעדיקט - שטייט ביי אונדז געשריבן.

זאל ער פארזעצן און שטיין אויף דער וואך נאך לאנגע יארן און זאל אים באגלייטן אונדזער ברכה!

יידיש - חנה גאלדענבערג

- - - - - -

## צוזאמענפאר פון אלע קרעמעניצער

(א פארשלאג)

צו די פארוואלטונגען פון קרעמעניצער לאנדסלייט אין ארגענטינע, אמעריקע, קאנאדע, שלום רב!

דער זעקסטעגיקער קריג און אלעס וואס מיט אים איז געווען פארבונדען, האבן אונדזע קרעמעניצער שטארק דערנענט. צו אט דער דערנענטערונג האבן אויך פיל מיטגעבראכט די העפטן "קול יוצאי קרמניץ". יעדער נייער העפט, וועלכער איז ערשינען איז באגלייט געווארן מיט רירענדע אפרופן און בריוו און אין ווארט דורך די קרעמעניצער אומעטום, ווי די העפטן האבן דערגרייכט. עס האבן זיך ביי זיי דערוועקט מיט א פארגרעסערטן כוח די נאבעלע געפילן פון בענקשאפט צו דער היים פון זייער קינדהיים אין יוגענט און פון אנגעהעריקייט צו דער גרויסער משפחה קרעמעניצער, וועלכע דער גורל האט לעבן געלאזט.

אונטער דעם איינדרוק פון אט די געפילן און באגערן האט אונזער חבר מרדכי אות-יקר (אוטיקער) אפגעבראכט, בשעת דער יערליכער אזכרה נאך אונזערע קדושים, א געדאנק וועגן א

צוזאמענפאר פון אלע קרעמעניצער, באשר הם שם, און אין ישראל. דער צוזאמענפאר זאל זיך אנהויבן מיט דער יערליכער אזכרה, דעם 14-טן אוגוסט 1969.

אט דער געדאנק איז דורך אונז דא אויפגענומען געווארן מיט התלהבות, אבער כדי אים צו פארווירקליכן דארפן מיר ערן אייער מיינונג וועגן אט דער זאך און עווענטועל אייער הסכמה.

דער צוועק פון צוזאמענפאר איז קודם כל א ברידערליכע באגעגעניש. מיר אלע ווייסן וואס אזא באגעגעניש, נאך פיל יארן, מיינט פאר א קרעמעניצער. דער פראגראם פון צוזאמענפאר, וואו מיר זעען דאס פאר זאל באשטיין: פון דער יערליכער אזכרה נאך אונזערע קדושים אין תל-אביב, פון א קאלעקטיווען באזוך אין "יד ושם" אין ירושלים, פון א באגעגעניש מיט אונזערע לאנדסלייט אין חיפה און אומגעגענט, פון א אוונט געווידמעט די זכרונות פון אמאל און געזאנג נוסח קרעמעניץ, פון א אויסשטעלונג, ווי עס וועלן קאנצענטרירט ווערן בילדער, צייטונגען, דאקומענטן, וואס האבן א שייכות צו קרעמעניץ און צו קרעמעניצער.

דאס זענען דערווייל נאר רויע שטריכן פון פראיעקט. די דעטאלן, און אויך פארשידענע אנדערע פונקטן פארבונדענע מיט אים, וועלן מיר מוזן באטראכטן און באארבייטן צוזאמען.

אויב דער פראיעקט ווערט דורך אייך אנגענומען.דארף יעדער לאנדסמאנשאפט אויסוועלן די געעריגע חברים, וועלכע זאלן זיך צו די פארבערייטונגען פון פראיעקט א נעם טאן מיט דער גרעסטער ענערגיע און ווילן. איינער פון די חברים פון יעדער לאנדסמאנשאפט זאל אנגעמערקט ווערן אלס דער פארשטעער לגבי אונדז, מיט וועלכן מיר וועלן זיין אין פארבינדונג, כדי דורך אים צוזאמען מיט אייך באשטימען די פונקטן פון פראגראם, ווי אויך די ארגאניזירונג מיטלען.

מיר געען ארויס פון דער הנחה, דאס טראץ דעם וואס א געוויסער צאל קרעמעניצער האט שוין באזוכט ישראל (איינינגע פון זיי שוין ניט דאס ערשטע מאל) געפינען זיך נאך פיל קרעמעניצער, וואס טראכטן אין דער צוקונפט אזא באזוך אויספירן. אט זיי וועלן זייערע רייזעס קענען צופאסן צו דער צייט פון צוזאמענפאר.

אום צו פארלייכטן זייער אויפהאלט אין ישראל לייגן מיר פאר די קרעמעניצער, וועלכע וועלן זיך מיט אונז פאראויס פארבונדן,אום זיי אויפנעמען אין די היימען פון קרעמעניצער, פאר דער צייט פון זעהר זיין דא.

נעמענדיק אין אכט די אלע שוועריקייטן און מכשולים, וואס זענען פארבינדן מיט אזא צוציהענדן, אבער אויך געוואגטן פלאן, מוזן מיר דא האנדלן שנעל, יעדע וואך פון אפלייגן, יעדער טאג, קען די זאך מאכן צו נישט.

איר ווערט דערום געבעטן , טייערע חברים, אייערע מיינונגען און השגות וועגן פראיעקט שוין באטראכטן, און אין פאל פון א פאזיטיווער שטעלונג פון אייער זייט, אונדז תיכף מעלדן די נעמען פון אייערע פארשטעער, וועלכע האבן אויף זיך גענומען דעם עול פון צוזאמענארבייטן מיט אונדז און פארווירקליכן פון פראיעקט.

א שנעלע דעציזיע און ענטפער איז באזונדערס נויטיק פאר די צוקונפטיקע אנטיילנעמער, וועלכע דארפן באצייטענס ערלעדיקן די פארמאליטעטן, וואס זענען פארבינדן מיט דער רייזע.

מיר האפן אז, פונקט ווי אנדערע אונטערנעמונגען אונזערע ביז יעצט, וועט אויך אט די אונטערנעמונג ניט אנטוישן.

מיר ווארטן אויף אייער תשובה בהקדם.

מיט ברודערליכן גרוס

אין נאמען פון די יוצאי קרמניץ אין ישראל

**דער ועד פון ארגון**

- - - - -

ביז צום ארויסגעבן פון העפט האבען מיר קיין ענטפער נישט באקומען פון אונדזערע לאנדסלייט אין אויסלאנד.

- - - - -

<u>מ. גאלדענבערג</u>

## <u>וואלטן אלע געווען ווי זיי</u>

דערציילט דורך א פרוי וואס איז אלס קינד געראטעוועט געווארן פון די הענט פון די נאצישע רוצחים דורך די "שטונדיסטן" אין קרעמעניץ.

אין אלע דערציילונגען וועגן די גרויל-טאטן פון די נאצים און זייערע מיטלפער אין קרעמעניץ, קומט אויף מיט דער גרעסטער גרויזאמקייט די פיינדליכע באציהונג פון א גרויסן טייל פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג צו זייערע יידישע שכנים - זייער חיהשע שאדן-פרייד.

אט אויף דעם פינסטערן פאן שיינט ארויס מיט א דאפלטן ליכט דער רעטונגס אקט פון אייניקע קריסטן פון קרעמעניץ און אומגעגענט, וועלכע האבן ריזיקירט מיט זייערע און זייערע משפחות לעבענס צו ראטעווען א יידיש קינד.

וועד זענען אט די מענטשן?

דאס זענען פשוטע מיעשטשאנעס און פויערים, וועלכע אין דורשט נאך א אמתן גלויבן האבן פארלאזט די פראוואסלאווע קירכע און זיך איינגעשלאסן אין די עוואנגעלישע קרייזן, וואס זענען דאן געווען טעטיק אין אונזער געגנט.

גערופן האבן זיי די שכנים "שטונדיסטן". פיל פון אונדז געדענקען נאך דעם נאמען און דעם בית-תפילה. זייערן אויפן וועג צו דער דובנער ראגאטקע, וואו זיי פלעגן זיך צונויפקומען יעדן זונטאג אן א גלח און אן איקאנעס. דארט פלעגן זיי זינגען מיט התלהבות קאפיטלען פון ביבליע.

די דערציילונג וואס מיר געבן דא איבער האב איך געערט צוזאמען מיט ריבה בערנשטיין, ז"ל, צוריק מיט 12 יאר פון א יונגער פרוי אין תל-אביב.

אין געטא ראדזיווילאוו האט געערשט דער הונגער ווי אין אלע געטאס. מענטשן זענען געפאלן ווי פליגן כדי אויפצוהאלטן ביים לעבן מיין משפחה, פלעג איך דאן, א קינד פון 13 יאר, ארויסכאפן זיך פון געטא אום צו קריגן בא באקאנטע פויערים עפעס פון עסענווארג.

קומענדיק אמאל אהיים פון אזא מסוכנעם "אויספלוג" האבן מיר מיינע עלטערן מיטגעטיילט אז מגיים ליקווידירן דעם געטא בקרוב. זיי האבן דורכאוים געפאדערט איך זאל זיך ראטעווען אין איך האב זיי געפאלגט און בין אוועק צו א באקאנטן פויער, ער האט מיך באהאלטן אין א סטערטע היי אין זיין הויף. אויף צומארגנס האבן עטלעכע דייטשן אים אפגעשטעקט א "וויזיט". זיי האבן מיט ווידלעס געשטורכעט אין דער סטערטע, זיי האבן אבער אויף מיין גליק, מיך ניט פארוואונדעט.

דער פויער האט מורא געהאט ווייטער מיך האלטן און האט מיך איבערגעגעבן צו א פרוי, א עוואנגעליסטן, וועלכע האט פארן קריג געדינט בא אונדז אין שטוב. צו איר אין שטוב איז נאך איניקע טעג פון מיין אויפהאלטן זיך אנגעקומען נאך א יידיש מיידל.

ביידע האבן מיר דארט ניט געקאנט זיין און מיר זענען אוועק אין א פוסט הויז. ווען ס'האבן זיך אבער אנגעהויבן זיכעניישן אין דארף האבן מיר געמוזט זיך צושיידן.

דער פויער, וואס האט מיך באהאלטן אין דער סטערטע, האט מיך אראפגעלאזט אין א פארלאזטן ברונעם אינמיטן פעלד. ער האט פאר דעם אויסגעגראבן א נישע אין וואנט פון דעם ברונעם און דארט בין איך געליגן אין פארלויף פון.טאג באנאכט פלעג מיך דער פויער אויפהויבן און געבן צו עסן.

איינמאל האב איך געערט ווי מ'רעדט ביים ברונעם. כ'האב באלד פארשטאנען אז דאס איז א שמועס צווישן צוויי דייטשן. פלוצלינג האבן זיי אנגעהויבן שיסן אין ברונעם אריין.

נאך א באראטונג האבן די אלייניקס אויסגעגראבן א גרוב אין דער ליימיקער פאדלאגע זייערער אין מיך אהין אראפגעלאזט. די פאדלאגע האט מען פארדעקט מיט ברייטער און ליים. איך האב דארט ניט געהאט מיט וואס צו אטעמען. א ליכט פלייגט דארט פארלאשן ווערן באלד נאכן אנצונדן, ווייל עס האט ניט געהאט גענוג זויערשטאף.

אינגיכן איז ערשינען א נייע צרה. די דייטשן האבן אנגעהויבן כאפן יונגע אוקראינער און אוקראינערינס אויף ארבעט קיין דייטשלאנד. אין איינעם א פרימארגן האבן זיך אט די כאפערס פלוצלינג באוויזן אויף דעם בארג (צ׳ערצ׳ע) וואס איבער דעם בית עולם, דארט ווי טאבאצוקס הויז האט זיך געפינען. ס׳איז ניטש געווען קיין צייט זיך צו באאלטן אין גריב. די אלייניקס האבן מיך אויף שנעל אוועקגעזעצט אונטערן טיש און ארום אים האבן זיך געזעצט אלע ניין קינדער זייערע אזוי האבן זיי.מיך פארשטעלט מיט די פיס. מערקווירדיק ווי אט די קליינע קינדער האבן מיין אויפהאלטן זיך בא זיי אין שטוב געהאלטן אין שטרענגען סוד. און ניט איינמאל אפילו זיך ארויסגעכאפט פאר זייערע חברים.

איינמאל, ווען כ׳בין געליגן שווער קראנק אויפן אויוון,זענען אין הויז ווידעראמאל ארייגעפאלן אונערווארטעט די דייטשן. זיי האבן באקוקט מיך אויפן אויוון. אלייניקס פרוי האט זיך פאר זיי פארקלאגט אז כ׳בין איר שטומע, קראנקע טאכטער. דער רושם מיינער אויף זיי איז געווען אזעלכער, דאס זיי האבן מיט פאראכטונג א מאך געטאן מיט די הענט און אוועק פון שטוב.

אזוי איז אוועק נאך א מאנאט. איך האב געזען, אז מער קען איך ניט בלייבן ביי די אלייניקס ווייל זיי אליין האבן ניט געהאט וואס צו עסן. און ווען די פרוי אולייניק האט זיך געלאזט איבער די דערפער בייטן ברויט, בין איך מיט איר מיטגעגאנגען. אין איינעם פון די דערפער האב איך אנגעטראפן א פרוי, וועלכע פלעגט אריינקומען צו אונז אין ראדזיווילאוו.

אט די פרוי האט מיך גענומען צו זיך מיט דעם באדינג כ׳זאל איר אויסשטריקן א סוועדער. זי האט מיך אוועקגעזעצט ביי זיך אויף דעם בוידעם און דארט האב איך געשטריקט. כהאב געזען אז דאס זאל דויערן וואס לענגער, די פרוי פלעגט מיר אהין ברענגען עסן. די נאטירליכע באדערפענישן פלעג איך מאכן אין איין העמער, וועלכן זי פלעגט אראפטראגן.

דריי וואכן האב איך דארט געשטריקט און דאן האט די פרוי מיך צוריק פארנומען צו אלייניקן. זי האט אויך צוזאמען מיט מיר אהין מיטגעבראכט ברויט און מעהל. ביי די אלייניקס האט מען מיך זייער ווארים אויפגענומען. כ׳האב אבער זייער געליטן צוזעענדיק די נויט פון דער משפחה.

די וואנגעליקער פלעגן איינארדנען פון צייט צו צייט א טבילה צערעמאניע. די

אלייניקס האבן מיך איינמאל אויף אזא צערעמאניע מיטגענומען. דארט האב איך דערזען דעם אנפירער פון די עוואנגעליקער, וועלכער האט גוט געקענט מיינע עלטערן אין ראדזיווילאוו. ער האט מיר צום אלעם ערשטן פארגעלייגט א סומע געלד. ער האט גוט געוווסט וועגן דער ארעמקייט פון אלייניק און דערום מיך איבערגעגעבן א מאן פון ראדזיווילאוו, וועלכער האט מיך פארנומען צו זיך אין דארף. אין דעם זעלבן דארף האט זיך אויסבאהאלטן א ראדזיווילאווער פאמיליע טשערניאק (די פרוי איז געווען א קרעמעניצער). מיין רעטער האט מיך צו זיי געבראכט זיי וויזן. אין א קורצע צייט ארום האבן זיי די דייטשן געפינען און אלעמען געהרגעט.

אין דעם דאזיקן דארף האב איך זיך אויסבאהאלטן ביז די רוסישע ארמיי האט פארנומען די געגענט. זי האט מיך תיכף געבראכט קיין קרעמעניץ צוריק צו די אלייניקס.

דאס רוסישע מיליטער האט נאך צוויי טעג אפגעטרעטן און ווידער זענען די דייטשן אריין קיין קרעמעניץ.

די פרוי אלייניק האט מיך געבראכט אין מאנאסטיר, ווי די מאנאכינס האבן מיך אנגעטאן זייערע קליידער און איך בין געווען ווי איינע פון זיי.

נאך צוויי וואכן האבן זיך די רוסן ווידער אריינגעריסן קיין קרעמעניץ. די פרוי אלייניק איז געקומען אין מאנאסטיר און מיך פארנומען צו דער רוסישער קאמענדאטור. דארט האט מען מיך וועגן אלעם אויסגעפרייגט. מיין צושטאנד איז געווען שרעקליך, די פיס זענען געווען שטארק געשוואלן, כ'בין געגאנגען אנגעשפארט אויף א שטעקן. מיין קול איז געווען זייער שוואך און משונהדיק, ווייל חדשים לאנג האב איך ניט גערעדט, אפילו ניט אין מאנאסטיר, מורא האבענדיק זיי זאלן ניט דערקענען, דאס איך בין א יידישע. איך האב מיך באזעצט אין איינעם פון די פוסטע הייזער אין שטאט. דארט האט זיך אויך געפינען א קרעמעניצער יוסף מרגלית, ביי 30 יאר אלט. ווייזט אויס פון קצבים. ער האט זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטן ביי פויערים לעבן שומסק.אויך האב איך באגעגענט אין שטאט א הויכן און זייער אויסגעדארטן מאן, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטן צווישן די הויכע סקאלעס אויף דער טשערטשע.מען האט אים נאכער גערופן "דער קרעמעניצער ראבינזאן קרוזא".

ארום צוויי מאנאטן בין איך געווען אין קרעמעניץ. די עוואנגעליסטן פלעגן מיר און די איבעריקע יידן ברענגען עסן. מיר זענען געווען געגצליך פריי. אין איינעם א טאג בין איך אוועק צו די אלייניקס זיי דאנקן פאר אלעס, וואס זיי האבן פאר מי געטאן. דער הונט זייערער האט זיך מיט מיר זעהר דערפרייט און מיך געגומען מיט א אימפעט לעקן. גראד דאן האט זיך אין שטוב געפונען די שכנה, וואס פלעגט באקן ברויט יעדע וואך. זי האט זיך דערויף שטארק געוואונדערט נאכער האט איר אלייניק אלעם דערציילט, צוגעגעבנדיק,"אט זע ווי א הונט אז

אליינ יקס האבן מיך איינמאל אויף אזא צערעמאניע מיטגענומען. דארט האב איך דערזען דעם אנפירער פון די עוואנגעליקער, וועלכער האט גוט געקענט מיינע עלטערן אין ראדזיוויללאוו. ער האט מיר צום אלעם ערשטן פארגעלייגט א סומע געלד. ער האט גוט געוווסט וועגן דער ארעמקייט פון אליינ יק און דערום מיך איבערגעגעבן א מאן פון ראדזיוויללאוו, וועלכער האט מיך פארנומען צו זיך אין דארף. אין דעם זעלבן דארף האט זיך אויסבאהאלטן א ראדזיווילאווער פאמיליע טשערניאק (די פרוי איז געווען א קרעמעניצער). מיין רעטער האט מיך צו זיי געבראכט זיי ווייזן. איך א קורצע צייט ארום האבן זיי די דייטשן געפינען און אלעמען געהרגעט.

אין דעם דאזיקן דארף האב איך זיך אויסבאהאלטן ביז די רוסישע ארמיי האט פארנומען די געגענט. זי האט מיך תיכף געבראכט קיין קרעמעניץ צוריק צו די אליינ יקס.

דאס רוסישע מילטער האט נאך צוויי טעג אפגעטרעטן און ווידער זענען די דייטשן אריין קיין קרעמעניץ.

די פרוי אליינ יק האט מיך געבראכט אין מאנאסטיר, ווי די מאנאכינס האבן מיך אנגעטאן זייערע קליידער און איך בין געווען ווי איינע פון זיי.

נאך צוויי וואכן האבן זיך די רוסן ווידער אריינגעריסן קיין קרעמעניץ. די פרוי אליינ יק איז געקומען אין מאנאסטיר און מיך פארנומען צו דער רוסישער קאמענדאטור. דארט האט מען מיך וועגן אלעס אויסגעפרייגט. מיין צושטאנד איז געווען שרעקליך, די פיס זענען געווען שטארק געשוואלן, כ׳בין געגאנגען אנגעשפארט אויף א שטעקן. מיין קול איז געווען זייער שוואך און משונהדיק, ווייל חדשים לאנג האב איך ניט גערעדט, אפילו ניט אין מאנאסטיר, מורא האבענדיק זיי זאלן ניט דערקענען, דאס איך בין א יידישע. איך האב מיך באזעצט אין איינעם פון די פוסטע הייזער אין שטאט. דארט האט זיך אויך געפינען א קרעמעניצער יוסף מרגלית, ביי 30 יאר אלט. ער האט זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטן ביי פויערים לעבן שומסק. ווייזט אויס פון קצבים. איך האב איך באגעגענט אין שטאט א הויכן און זייער אויסגעדארטן מאן, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטן צווישן די הויכע סקאלעס אויף דער טשערטשע. מען האט אים נאכער גערופן "דער קרעמעניצער ראבינזאן קרוזא".

ארום צוויי מאנאטן בין איך געווען אין קרעמעניץ. די עוואנגעליסטן פלעגן מיר און די איבעריקע יידן ברענגען עסן. מיר זענען געווען גענצליך פריי. אין איינעם א טאג בין איך אוועק צו די אליינ יקס זיי דאנקן פאר אלעס, וואס זיי האבן פאר מי געטאן. דער הונט זייערער האט זיך מיט מיר זעהר דערפרייט און מיך גענומען מיט א אימפעט לעקן. גראד דאן האט זיך אין שטוב געפונען די שכנה, וואס פלעגט באקן ברויט יעדע וואך. זי האט זיך דערויף שטארק געוואונדערט נאכער האט איר אליינ יק אלעס דערציילט, צוגעגעבנדיק, "אט זע ווי א הונט אז

אפט בעסער ווי א מענטש".

איך בין נאכער איבערגעפארן קיין ראדזיוווילאוו, וואו איך האב געארבייט אלס פאסט בעאמטע, ס'איז דארט דאן ארעסטירט געווארן דער פירער פון די עוואנגעליסטן אין ראדזיוווילאוו.

די איינציקע לעבענס געבליבענע יידן זענען דאן געווען פריוווילעגירט דורך דער רוסישער מאכט. עס איז מיר דערום געלונגען, צו מיין גרויס צופרידענהייט, דעם עוואנגעלישן פירער באפרייען.

דערמיט שלוס איך מיין דערציילונג. כ'וויל נאר צוגעבן, אז ביז היינט זענען מיר ניט באקאנט די רעליגיעזע פרינציפן פון מיינע רעטער, די עוואנגעליקער. איין זאך ווייס איך, אז אין דעם בעסטיאלישן, רוצחישן שדים טאנץ וואס ארום האבן זיי ניט פארלוירן דעם צלם אלהים. אדאנק דעם בין איך לעבן געליבן.

יידיש – שמואל טייטעלמאן.

– – – – –

<u>מאנוס גאלדענבערג</u>

## <u>מיט די דייטשן און קרעמעניץ נאך דער פארניכטונג</u>

(דערציילונג פון פרוי נינה וועלטשער–דאנציג)

עסוואס איינגעבויגן, אנגעשפארט אויפן טיש, אירע אויגען געווענדעט ערגעץ וואו, צו דעם פינצטערן תהום פון יענע ווייטע טעג, זיצט געגן אונז די פרוי נינה וועלטשער–דאנציג און ברענגט ארויף פון דארט שרעקליכע זכרונות.

מיר, די מיטגלידער פון ועד, ערן זיך צו, צו יעדעס ווארט אירס מיט א געפיל פון שולד. צוליעב אונז מוז פרוי נינה ווידער דורכלייבן יענעם שרעקליכעס קאפיטל, איינע פון די קאפיטלן, וועלכע דערשיטערן אונז אלעמען ווען מיר ערן זיי, און ווייזן אונדז אלעמאל אויפסניי ווי אנגעהויער גרויס איז דער נאצישער פארברעכן געגן אתדזער פאלק.

פון דער דערציילערן ערן מיר אויך וועגן אויסדריקן פון מענטשלעכע געפילן ביי איינציגע פוילישע און אוקראינער. טאקי נאר איינצעלנע פאלן, אבער זיי זענען גענוג אום אומצוקערן אונדז דעם גלויבן אין מענטשן.

פרוי נינה האט שטודירט אין ווארשאווער אוניווערסיטעט. זי איז געוואקסן געווארן אין דעם הויז פון א רעליגיעזער פארמעגליכער יידישער פאמיליע, ווי טראדיציע און אלגעמיינע

בילדונג זענען געווען ענג געשלאסן, פון די פאמיליעס, וועלכע זייגען געווען דער יסוד פון פוילישן יידענטום אין צייט פון זיין גדולה. דאס געזיכט פון נינען טראגט נאך אויף זיך דעם יוגענטליכן חן און גלאנץ און שפראצט מיט ענערגיע.

ווען די דייטשן האבן אקופירט פוילן , אנטלויפט נינה מיט איר מאן און עלטערן קיין ברעסט־ליטאווסק און פון דארט קיין טוטשין, וואלינער גובערניע. אין טוטשין ארבייט זי אלס לערערן אין א יידישער שולע. אויך איר מאן ווערט באשעפטיגט אלס בעאמטער. אבער אט רייסן זיך די דייטשן אריין קיין רוסלאנד. זיי אקופירן טוטשין און עס הויבט זיך דארט אן א בלוטיגער שדים־טאנץ. יידישע לעבענס ווערן הפקר, עס הרגענען זיי די דייטשן, עס מארדן זיי די אוקראינער.

נינה איז אין אט דער צייט געליגן אין שפיטאל, וואו זי האט געבוירן איר ערשטעס קינד, א טעכטערל. אלס א יידן האט נינה זיך ניט געטארט געפונען אין שפיטאל. אבער דער פערסאנאל האלט זי דאך אין משך פון עטליכע טעג דארט. נאכן פארלאזן פון שפיטאל שטעלט נינה אויף, ביי דער עקזיסטירענדער אין טוטשין וואל פאבריק, א ווארשטאט צום שטריקן ווארימע העניטשקיס פאר דער דייטשער ארמיי עס ארבעטן אונטער איר אויפזיכט 30 פרויען, יידישע און פוילישע. דאס האט איר געגעבן די מעגליכקייט פון א חיי שעה.

ניט לאנג האט אבער געדויערט און אין שטאדט הויבט מען אן רעדן וועגן אויפשטעלן א געטא און אז די דייטשן האבן שוין אויסגעפינען א פאסיגן פלאץ פאר א מאסן גרוב.

די רציחות זענען דערווייל אנגעגאן אלע מאל מער און מער.

אין דער צייט זענען קיין טוטשין אנגעקומען יידן פון קרעמעניץ, אין האבן דערציילט אז קרעמעניצער יידן, וועלכע האבן באוויזן אויסצומיידן די גרויסע אקציע, האבן אינטערגעציגדן דעם געטא מיטן צוועק זיך אליין צו פארברענען כדי ניט ארייגצופאלן אין די הענד פון די נאציס.

די טוטשינער יידן באשליסן נאכפאלגן דעם קרעמעניצער ביישפיל און ווען עס קומט די צייט פון אומקום פארזאמלען זיך א טייל יידן, צווישן זיי אויך נינאס פאטער, אין דער שול. אנגעטאנע אין זייערע טליתים האבן זיי געזאגט תהילים און נאכער אנגעצינדן די געביידע אין אזוי ארום אומגעקומען אין פייער.

האבענדיג פאר זיך איין ציעל, דורכאויס צו ראטעווען דאס קליינע קינד, מאכן נינה און איר מאן דעם דרייסטן שריט און זיי אנטלויפן פון געטא, ערב זיין פולקאמער פארניכטונג. א טאטארישע פרוי, מיט וועמען נינא האט זיך באגייגענט, ארבייטענדיג נאך אין דעם ווארשטאט, נעמט צו זיך דאס קינד. די טאטארין האלט ביי זיך דאס קינד צווי יאר כמעט און דערנאך, קערט זי דאס אום דער מוטער אירער געזונד און שטארק. זי איז יעצט מיט אונדז אין

ישראל . א פוילעשער פויער, כמיעליעווסקי,באהאלט דאס פארל דאנציג, אונטערן דאך פון זיין סטאדאלע. אייניגע טעג נאך זייער זיין דארט, האבן זיי זיך דערוויסט אז מען גראבט ניט ווייט א גרוב פאר א מאסן קבר. און אין איין פרימארגן האבן זיי דערהערט א שיסעריי, וואס דאס האט באדייט – איז געווען פאר זיי פארשטענדליך.

מיט יעדן טאג ווערט זייער באהעלטניש מער אונזיכער זיין ווערן דארט אויך ממש לייבידיקערייט אויפגעגעסן פון די לייז. כמיעלעבסקי פירט זיי דאן איבער אין וואלד אריין, וואו עס האט זיך אויך געפונען נינעס שוועסטער, דאס איז געווען אין דער צייט ווען די פארטיזאנער באוועגונג האט געמאכט אירע ערשטע טריט.

נינה און איר מאן פארלאזן דעם וואלד און גייען איבער קיין שופקאוו אין סאוווכאז.

דער נאמען שופקאוו רופט ארויס ביי יעדן עלטערן קרעמעניצער די אסוציאציע פון זומערן אין קרעמעניץ, ווען די שטאט פלעגט זיך אויסלייזיקן. פיל פאמיליעס פלעגן ארויספארן אויף דאטשעס קיין ברעזעץ, סמיגע, מלכ'ס בריק און ווידימקע. די פרעמדע שילער פון סעמינאר און אנדערע שולן זענען זיך צעפארן. און די צוויי פאלקן פון די דראגונער און פוסגייער פלעגן דאן ארויסמארשירן קיין שופקאוו אויף זומערדיקן לאגער און מאנעוורן. מיט זיי פלעגן מיטפארן די יידישע פאדראטשיקעס. עס האבן זיי אהינגעפירט די איזוואשטשיקעס אין זייערע פאיטאנעס אויף ווייטע, זאמדיקע וועגן, דורך שמעקענדיקע סאסנאוויע וועלדער.

און ווען די איזוואשטשיקעס פלעגן זיך אומקערן, האבן זיי זיצענדיק ברייטלעך אויף נחמן זייגערמאכער'ס טרעפ, דערציילט בנחת די פאסירונגען זייערע אויף דעם וועג. די מילדע זון האט זיי צערטלעך געווארעמט, די אקאציע ביימער פון "סאבאר" הויף האבן זיי פארשיכורט מיט זייער זיסן דופט. די "בריק" איז געווען ווי אויסגעקערט. די פערד זייערע, געשפאנטע אין די פאיטאנעס, האבן רואיג געעסן דעם האבער פון די אונטערגעהאנגענע טארבעס. קיינער האט זיי ניט מטריח געווען. קיינער האט זיך ניט באוויזן. בלויז א וואנדערנדער הונט אדער חזיר מיט זיינע חזרימלאך.

קאניקולן, דאטשעס, שנים און לאגער. שלעפערדיקע קרעמער היטן זייערע געוועלבן. דא און דארט הערט זיך א לאנגער גענעץ.

ווי פיינלעך איז דער קאנטראסט אט צווישן דער אידיליע מיט פרוי דאנציגס טרויעריקע דערציילונג.

אט אין דעם שופקאוו, וואו די דאנציגס זענען אנגעקומען האבן זיך געפונען אויך קרעמעניצער יידן וועלכע זענען אנטלאפן פון טויט. זיי האבן געארבייט אין סחוכאז. אבער די הענד פון די דייטשן האבן אויך אהין דערגרייכט די וועלכע האבן ניט באוויזן אין דער

צייט צו אנטלויפן זיינען דערשאסן געווארן. אויך פון דארט געלונגט די דאנציגס צו אנטלויפן, דאסמאל קיין קאריץ.

דארט באגייבנס נינא א באקאנטע פוילישע פרוי, וועלכע קריגט פאר איר א פאלשן דאקומענט, צייגענדיג נינען אלס א פוילישע. אין הויז פון אט דער באקאנטער ווערן די דאנציג׳ס גאר פריינדליך אויפגענומען. מ׳לערנט זיי די הלכות און מנהגים פון דער קאטאלישער קירכע, יעדן זאנטאג אין חאגע גייען זיי צוזאמען דאוונען אין קאסציאל.

א גאסט פון קרעמעניץ, דער געוועזענער גאסטריאוס שוביאקאווסקי, האט דערציילט אז דער ליציאום איז פארוואנדלט געווארן ביי די דייטשן אין א צענטראלן מיליטערישן שפיטאל פאר גאנץ אוקראינע. שוביאקאווסקי זאגט צו אז ער וועט די פרוי דאנציג איינארדנען דארט אלס ארבייטארן, און טאקי ערב ווייינאכט 1942, פיער מאנאטן נאכן חורבן פון יידישן קרעמעניץ, קומט נינא קיין קרעמעניץ. די שוביאקאווסקיס געבן איר א פלאץ צו וואוינען אויף דעם בוידעם צוזאמען מיט די הינער. דער איידעם פון שוביאקאווסקין, טשאפליגסקי, ארדענט זי איין אלס ארבייטערן אין קיך פון שפיטאל. דארט הערט זי איינמאל וואו א פוילישע פרוי דערציילט מיט וואס פאר פארגעניגן זי האט צוגעזען, וואו איינער א דייטש האט אפגעהאקט דעם קאפ פון א יידן מיט א בארד. א צווייטע פוילישע, וועלכע האט דאס געהערט האט ארויסגעוויזן דערביי א גרויסע אויפרעגונג און האט זיך פארטרויט, אז זייט זי האט געזען די שוידערליכן מעשים פון די דייטשן אין שטאט האט זי פארלארן איר רו סיי באטאג און סיי באנאכט. צווישן די ארבייטערנס פון שפיטאל האט זיך אויך געפינען דאנוטא יופאלסקא, די טאכטער פון ליצאום פראפעסאר יופאלסקי, וועלכער איז דורך די דייטשן דערשאסן געווארן, צוגלייך מיט אנדערע פאליאקן אין ווינטער 1943 קומט קיין קרעמעניץ אויך נינא׳ס מאן און ווערט איינגעארדנט אין סטאלעריי ווארשטאט פון שפיטאל.

אין הויף פון ליציאום זענען איניגע טראטוארן אויסגעלייגט געווארן מיט מצבות פון בית-עולם. נינא פלייגט ניט קענען טרייטן אויף זיי, אבער איר מאן האט זי געווארנט, אז אזא און ענליכע פירונג וועלן זי אויסגעבן, צוזאמען מיט נינאן האט אין ליצאום געארבייט א פרוי, וועלכע האט ארויסגערופען בא נינאן א חשד אז זי איז אויך א פארשטעלטע יידען, ווי עס האט זיך טאקי גאר שפעטער ארויסגעוויזן, איז זי געווען דעם ד"ר בערענבלום׳ס א פרוי. נינא האט מורא געהאט זיך צו איר דערנענטערן, אין אזוי זענען זיי געבליבן פרעמד איינע פון צווייטן. קען זיין אז אויך יענע האט געהאט פון איר זייט דעמזעלבן חשד.

זייענדיג אין ליצאום, האט נינא געהערט קלאנגען, דאס איניגע יידן בעהאלטן זיך אויס ערגעץ וואו, אבער עס איז געווען געפערליך פאר איר מיט דעם זיך צו פאראינטערעסירן.

דרעמזעלבן ווינטער האט נינא אפגענומען דאס טעכטערל אירס ביי דער סאטארין אלפּ ה כלומרשט אדאפטירט קינד. אין אט דער פראצעדור זיינען פארמישט געווען עטליכע פוליטשע און אוקראינער, אבער זיי האבן אלע געהאלטן סוד.

און יענער צייט האט גיטראפן די דייטשןדי מפּלה ביי סטאלינגראד. דייטשע פארוואונדעטע, וועלכע זענען געבראכט געווארן אין ליצאוב האבן דערציילט, וואס דארט האט זיך געטאן, איייניגע פון זיי האבן שארף קריטיקירט די דייטשע פירער און פון זיי חויזעק געמאכט. ס'האבן זיך געטראגן קלאנגן וועגן א פוילישער אונטערערדישער טעטיקייט אין קרעמעניץ און ארום. אייניגע פאליאקן זענען דורכגעפאלן און דערשאסן געווארן, צווישן זיי זביטעק גארעצקי. א קרוב פון דעם אלטן נאטאריאוס גארעצקי.

דערווייל האט זיך די פראנט ליניע געהאלטן אין איין דערנענטערן צו קרעמעניץ. ס'האט לאנג ניט געדויערט אין די דייטשן האבן גענומען פארלאזן די שטאט. די דאנציגס בעהאלטן זיך אין איינעם פון די טיפע קיילערס אין ליצאום. קורץ נאך דעם האבן זיך די דייטשן אומגעקערט. אבער אונטערן דרוק פון דער רויטער ארמיי און פון טרעק צו ווערן ארימגערינגעלט,טרייסן זיי ווידער אפּ, דאסמאל אויף שטענדיג.

זעקס וואכן איז די שטאט געווען הפקר אן וועלכער ס'איז מאכט. אוקראינער האבן די צייט אויסגענוצט, אום צו דערמארדן פיל פאליאקן, צו רויבן זייער פארמעגן און פארברענען קאסציאלן אין דער אומגעגענט. קיין יידן פאר דעם צוועק זענען שוין ניט געווען. אין פארלויף פון זעקס וואכן, זענען די גאסן פון שטאט געוועזן פוסט. קיינער האט ניט געוואגט ארויסצוגיין פון שטוב.

אין אט אין איינעם א גדויען פארטאג האט מען דערזען, אז פון די ארומיקע בערג האבן זיך גענומען אראפגליטשן עפיס וואו גרויסע טשערעדעס שאף.

דאס זענען געווען קאלמיקען, רויט-ארמייער, וועלכע האבן זיך אינגיכן באוויזן אין שטאט. אין באלד זענען די גאסן געפאקט געווארן מיט מענטשן.

די רוסען האבן זייער שנעל ארגאניזירט דאס ציווילע לעבן אין שטאט. נינא מיט איר מאן האבן זיך געשטעלט פאר דער מאכט און דערקלערט, דאס זיי זענען יידן. נאר אייניגע טעג האבן געדויערט אין זוו האבן ארויסגעקריגען די געהעריגע דאקומענטן. זיי האבן זיך מיט זיי געלאזט קיין ראוונע, וואו זיי האבן בידע אנגעהויבן ארבייטן. אין ראוונע האבן זיי געהאט א דראמאטישע באגעגניש מיט אייניגע פאליאקן אין רוסען, וועלכע האבן געהאט א חלק אין זייער רעטונג. - - -

די פרוי נינא וועלמשער-דאנציג האט איר געשיכטע פארענדיקט, זיך אויסגעגלייכט,

אויפגעשטאנען און גענומען מיט אונדז געזעגנען. אין אונזערע אויגן איז זי שוין אבער ניט געווען דיזעלבע פרוי, וועלכע האט איר דערציילונג אנגעפאנגען. זי איז אונדז געווארן נאנט, גאר נאנט. חדשים לאנגע האט זי געלעבט אין דער מחיצה, וואו עס האבן געשוועבט די נשמות פון אונדזערע קדושים און געפאדערט נקמה פון די, וועלכע זי אלס אנוסה האט באדינט. פון יעדן שטיין, פון יעדן שטיק ערד, אויף וועלכן זי האט דארט געטראטן האט דאס בלוט פון אירע ברודער ארויסגעשריגן. זי איז געווען די איינציגע יידישע נשמה וועלכע איז צווישן די חורבות ארומגעגאן, ווען ארום איר האבן זיך געפונען די רוצחים, פול מיט גאוה און חוצפה. זי איז די איינציגע געוועזן זיי צו באווייזען מיט דעם ביטערן געוויין, וועלכן זי האט געמוזט אין זיך דערשטיקן.

- - - - - - - -

א. ארגמן, י. רוכל

## זין פון קרעמעניצער אין די "מערכות-ישראל"

נישט נאר דעם יונגן דור געפינען מיר אין די מיליטער רייען. צווישן דעם ערשטן דור פון קרעמעניצער עולים האבן מיר אנגעזענע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען געווען פון די גרינדער פון דער "הגנה" ווי אויך גענומען א טעטיקן אנטייל אין אויפשטעלן דעם צ.ה.ל.

אבער די דאזיקע אפטיילונג איז געווידמעט די זין פון די קרעמעניצער לאנדסלייט, געבוירן אין ישראל. עס איז אנגענומען געווארן מרדכי כץ'ס(ארגענטינא) פארשלאג: באקענען דעם לעזער מיט די געשטאלטן און טאטען פון אונדזערע יונגע קעמפער. דער ערשטער אין דער סעריע איז -

### מאיר הר-ציון

ער גויסיקט זיך נישט אין קיין "מגילת יוחסין". אין זכות פון זיך אליין און זיינע איינגעבוירענע מידות פון גבורה, זעלבסט-אפפערקייט, דרייסט, איז ער פארוואנדלט געווארן אין א לעגענדע. דאך וועלן מיר זיך אפשטעלן אין קורצן אויף זיין אפשטאם. הערשל כץ, א זון פון באקאנטן ביעלאזערקער גביר מרדכי כץ, האט געוווינט אין קרעמעניץ, ער איז א יונגערער ברודער פון משולם כץ, פון די ערשטע משכילים און "חובבי-ציון" אין קרעמעניץ,ווי אויך א דעלעגאט אין ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס. הערשל'ס טאכטער טאסיע האט חתונה געהאט מיט זלמן הורוויץ - א וואלד סוחר, אויך ער איז א טעטיגער ציוניסט. זיין זון אליהו הורוויץ, באקאנט אלס 'אילושה', איז עולה געווען אלס חלוץ אין די 30-ער יארן, מיט דער דריטער עליה.

צום אנפאנג א חבר אין מושב עובדים רשפון ביי הרצליה, פון דארט איז ער אריבער אין קיבוץ עין חרוד, ווו ער געפונט זיך עד היום. זיין זון מאיר איז געבוירן אין רשפון אין יאר 1934. זיין בר-מצוה האבן זיי שוין געפייערט אין עין חרוד.

אס ער מאיר הר-ציון איז דער העלד פון דער דערציילונג. דער מאטעריאל איז געזאמלט פון בוך "יחידת קומנדו 101" און אויך פון אנדערע קוואלן.

– – – – – – –

נאך זייענדיק א קליין יינגל פלעגט מאיר אין פינסטערע שטורמישע נעכט קלעטערן אויפן בארג "גלבוע". געקלעטערט, געפאלן און ווידער דאס זעלבע, גליטשענדיק זיך, ביז עך פלעגט מצליח זיין און דעגרייכן דעם שפיץ. אליין אין דעם שטורם, עלענט אין גאס רעגן און בלאטע, אבער מאיר, געגוי ווי דער בארג, דער שטאלצער, וועלכער קוקט אראפ אויף עין חרוד, דערגרייכט דעם שפיץ, נאר זיך נישט אונטערגעבן.

זיינע פעריעס, פרייע צייט, פארגייען אין אויספלוגן. אמאל באזוכנדיק "עמודי שלמה" ביי חימנע, האט ער געהערט דאס נישט ווייט, א 15 קילאמעטער איבער דער גרעניץ, געפינען זיך די שענסטע קאלאנען - "עמודי פטרה". מאיר וויל זען דעם הויפן פעלז "סלע אדום" אין פטרה מיט זיינע אייגענע אויגן. נאך די אויסזיכטן דארף דאס דויערן 2 נעכט מיט א טאג. מ'לאזט זיך אין וועג אריין מיט א קליינער 'קרן קיימת" מפה, אביסל פראוויזיע און פארשטייט זיך אויך געווער. די ערשטע נאכט - מ'בלאנדזשעט, די צווייטע - געבלאנדזשעט, מ'ווארט איבער עקשנות'דיק, גרייט אויף אלעמע בכדי צודערגרייכן דעם צוועק. קומענדיק קיין פטרה האבן זיי ממש פארכישופטע געשלונגען מיט די אויגן אלעס וואס ארום! שווער איז אויך געווזען דער וועג אויף צוריק אין א'חמסין". בעדואינער אנטדעקן זיי, זיי באוועגן זיך קוים, און דער וועג דויערט 4 טעג.

מיט דער צייט באמיט ער זיך געבן א אויסדרוק זיינע געפילן אין יענע טעג: "שטעל זיך פאר ווי דו שטייסט אקעגן א הויכן בארג און די באשליסט צו דערגרייכן דעם שפיץ. די ווייטסט - דער וועג איז נישט לייכט, פול מיט סכנות, קענסט יעדן מאמענט פאלן און נישט אויפשטיין מער, אבער דער עקשנות'דיקער ווילן זיגט, און דאן דערגרייכסט די העכסטע שטופע פון טיפער באפרידיקונג - נצחון".

דער אויספלוג קיין "פטרה" איז איינער פון זיינע שווערסטע 'פריוואטע' טיולים, כאטש נישט דער איינציקער, פאר דעם וואס ער שליסט זיך אריין אין "יחידת קומנדו 101". שפעטער געהערענדיק שוין צו די פאראשוטיסטן, גייט ער אליין קיין 'יריחו', דאן אין ירדן טעריטאריע, און מיט נאך 4 חברה דרינגט ער אריין אין 'גרש', וואס ליגט אין די בערג פון

גלעד, 90 קילאמעטער אין יעדער ריכטונג.

אין עין חרוד איז מאיר א ׳פאסטוך׳, וועגן דעם געפינען מיר אין זיין טאג-בוך: "מעגליך אז די ראמאנטישקייט פון פאסטוך-לעבן, די שטילקייט ארום, דער ווילן זיך דערוווייטערן פונם הו הא פון מאשינען,און דערצו דער אינערליכער דראנג צו דער נאטור, האט מיך פארכישפט. איך האב ליב דעם געדוך פון די פעלדער און דאס געפיל פון ברייטקייט און שיינקייט ארום".

מאיר אנקומענדיק אין ׳נח"ל׳ געפינט נישט זיין באפרידיקונג און בעט מען זאל איס איבערפירן אין אנאנדערע פארמאציע. אין יענע טאג פארשאפט זיך די ׳יחידת קומנדו 101׳, אריק שרון דער קאמאנדיר זוכט די פאסענדע און געקליבענע בחורים. זיין אויג שטעלט זיך אפ אויף מאיר׳ן, דאן 19 יאר אלט, הויך געוואקסן, שלאנק, מיט גרינע שטראלענדע אויגן און ברייטע טריט געפעלט ער יעדן. אלע זיינע מפקדים שטעלן פעסט אז מאיר פארמאגט א אויסערגעווענלעכע אריענטאציע אין פעלד, אזוי ווי ער זאל האבן אויסגעוואקסן צווישן בערג, זאמדן און פעסטשערעס. "101" איז די פאסענדע פאר מאיר׳ן און דא פאנגט זיך אן דער צוזיטער עטאפ אין זיין מיליטערישער קאריערע. אין פארלויף פון א קורצער צייט צייכנט ער זיך אויס און ווערט באשטימט אלם ׳מפקד חוליה׳ - די ערשטע האנט פון אריק שרון (דער דריטער עטאפ קומט ווען די ׳101׳ גיסט זיך צוזאמען מיט די פאראשוטיסטן).

אמאל אין א פינסטערער קאלטער ווינטער נאכט האבן צופוסנס די פארשנייעטע חברון׳ער בערג שטיל און לאנגזאם געשפאנט 4 חברה - אונטער מאיר׳ס אנפירן. זייער ציל: אריינדרינגען אין דער פארטיפטער אין שלאף שטאט חברון, אויסגעפינען דאס הויז פון די מערדער, אריינרייסן זיך אינעווייניק, צענויפזוכן די וויכטיקע דאקומענטן און צום סוף אויפרייסן דאס הויז. די אויפגאבע איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די 4, זייענדיק איבערצייגט אז זיי פארמוגן די נויטיקע שטריכן, ווי: דרייסט, גבורה און אויסערארדנטליכע אריענטאציע אין קריטישע מאמענטן. "דער איינזאמער וואלף" ("הזאב הבודד") האט מען צוגעקלעפט א נאמען מאיר׳ן און נישט אומזיסט.

די נאכט איבונגען און די פאטראלן אין ׳101׳, ווי אויך ביי די פאראשוטיסטן, האבן זייער ווירקונג, און ענטוויקלט נאך מער די נויטיגע שטריכן פון א דרייסטן קעמפער. און דאן, שפעטער מיט צוויי יאר, קומט א פעולה (אפעראציע) פאר וועלכער ער באקומט א אויסצייכנונג פונם רמטכ"ל - זיין "צל"ש" (ציון לשבח). די פאראשטיסטן האבן דאן אנגעגריפן די סורישע פארפעסטונגען לענג אוים דעם כנרת. מאיר האט א אלטן חשבון מיט סוריער. דער חשבון ציט זיך נאך פון זיינע יוגנטליכע צייטן, ווען די סוריער האבן פארהאלטן אים מיט זיין שוועסטער. דעם חשבון האט ער אויסגעגלייכט.

זיצענדיק שפעטער מיט יארן ביי זיך אין הויז אין כוכב הירדן, זאגט מאיר: "101 איז געווען א צווישן עטאפ, ביי יענער צייט בין איך געווען א בעסערער קעמפער ווי אין נח"ל. ביי די פאראשוטיסטן בין איך געווען בעסער ווי אין "101".

און אויב איר וועט פרעגן מאיר'ן צו האט ער פיינט אראבער, וועט ער א צי טאן מיט די אקסלען ענטפערנדיק: "וואס פעפעס? אז מען מוז – קעמפט מען, אבער פיינט?" מאיר איז איינער פון ווייניקע וועלכע זענען לעבן געבליבן פון '101'. דער מלאך המות האט נישט איינמאל זיינע נעגל געשארפט, אבער אפגעטראטן און געלאזן דעם שטאלענעם מענטשן וועלכער איז פארוואנדלט געווארן אין א לעגענדע.

און ווידעראמאל געפינען מיר מאיר'ן ביי אטאקירן די פאליציי-געביידע אל-כאהווה אין עבר הירדן. א ביקסן קויל דרינגט דורך זיין האלדז צורייסנדיק אים און דרינגט אריין אין קערפער. די מעדיצין פארמאגט נישט א פאל, אז א קעמפער זאל געראטעוועט ווערן פון אזא ראנירן אין שלאכט פעלד, ווען ארום פייפן די באמבעס און קוילן, אבער דער יונגער ד"ר אנקילעוויטש האט פיל נישט געטראכט און ביי דעם אקאמפאנימענט פון שיסעריי, קאלטבלוטיק דורכגעפירט די נויטיגע אפעראציע אויפן פלאץ, און דאן ערשט אריבערגעפירט אים צו א פארזאמלונגס סטאנציע פאר פארוואונדעטע. ער האט זיין לעבן איינגעשטעלט, אבער אזוי ארום געראטעוועט מאיר'ן. דער קאמף אויפן לעבן האט זיך ביצויגן א גאנץ לאנג יאר און מאיר האט ווידער געזיגט, אבער ווי עס האבן אויסגעפונען די דאקטוירים, אלס 80 פראצענטיקער אינוואליד. און מאיר שרייבט: "בין איך דען נאר 20% פון מענטש אדער אפשר 80% פון גארנישט? ניין, איך מוז פארזעצן כאטש איך בין ראנירט און א אינוואליד".

די מפקדים פון צה"ל האבן אים פארגעלייגט פארזעצן אלס הויך-דראנגיקער אפיציר ביי די פאראשוטיסטן. ער האט אזויפיל נסיון און קען זיין אן אויסערגעווענלעכער יועץ און אינסטרוקטאר מאיר זאגט אבער: "מיליטער איז מיין גאנץ לעבן, אבער קעמפן בין איך מער נישט פעיג, און וועל דערום נישט שלום מאכן מיטן געדאנק אז איך בין נישט מער ווי א טוריסט, וועלכער באזוכט זיין פארמאציע אין זכות פון זיין פארגאנגענהייט".

מאיר הר-ציון – "הר" (ווי די חברים רופן אים) – דעם מענטש וועלכער האט ביי א נס אויסגעמיטן דעם טויט און האט פארצייכנט איינעם פון די גלענצענסטע בלעטער אין דער היסטאריע פון צה"ל, קען מען זען איצט אויף דעם שפיץ פון "הר הרוחות", אין די בערג פון גליל. זיין פערמע הייסט "אחוזת שושנה", אויפן נאמין פון זיין שוועסטער, וועלכע איז דערמארדעט געווארן פון אראבער.

אין סעפטעמבער 1959, הייראטעט ער רוחי "אייביק האב איך געטרוימט וועגן א פערמע ווייט פון טומל, שוועבענדיק אין די וואלקנס", האט זיך מתוודה געווען רוחי. מאיר דער העלד פון אירע חלומות איז געקומען און דער טרוים איז פארווירקליכט געווארן. די פאסטאראלישע

נאטור ארום און דער געפיל פון בײַשטײַן די סטיכיע זענען א פאסענדער לוין פאר אונזער גיבור מיט זײַן משפחה. בענוי ווי ער האט אמאל באזיגט מיט זײַנע כוחות און אויסדויער דעם שווערן וועג צו דעם סוריסשן שטאב, אזוי האט ער מיט זײַנע נעגל ממש זיך אײַנגעשפעט אין די צוקן פון "הר הרוחות" און ארויס דער זיגער, באקעמפענדיג אלא שוועריקייטן.

– – – – – –

מי יגלה עפר מעיניך ר׳ משולם כץ, פון די ערשטע חובבי־ציון אין קרעמעניץ, דו זאלסט קענען זען דעם לעבנס־וועג פון אײנעם פון די העלדישע כנען עראבערער, דעם אור־אײניקל פון דײַן ברודער הערשל. דאן וואלטן זיכער געשעפטשעט דײַנע ליפן: "געבענטשט איז דער דור, וואס האט זוכה געווען צו דערציען אזעלכע זין!"

יידיש – רחל נדיר־אטיקער

– – – – – –

<u>בנימין בארשאפ, ניו־יארק</u>

## די קארטאפלי פון דעם גראף טארנאווסקי אין די קאסטנס פון ר׳ הערש מענדל רויכל

(זכרונות פון מײַן שטאדט קרעמעניץ)

– – – יעצט זאגט מיר, חשובער הער רויכל, צו איז הערש מענדל רויכל געווען אײַער פאטער אדער אײַער זיידע. איך האב הערש מענדל רויכל גוט געקענט. אפילו יעצט שטעט ער מיר פאר די אויגן. א שיין געוואקסענער מענטש, מיט א ליכטיק פנים, מיט א שײנער ווײַסער בארד. א אמתער פאטריארך. איך פלעג זיך פארשטעלן אז אברהם אבינו האט געהאט אזא פנים. איך האב זיך געוואונשן כ׳זאל קענען רעדן מיט אים.

אין יאר 1900 איז געקומען די געלעגנהייט. מײַן פאטער איז געווען א סטאליאר, א טאטע פון זעקס קינדער, ווינטער האט מען געמאכט מייבל און זיך געהאט פרנסה. זומער האט מײַן פאטער געארבעט ביי א גראף לעבן קאזין, גראף טארנאווסקי. פלעגט מײַן פאטער נעמען די צוויי עלסטערע זין און פארן ארבעטן ביים גראף. פרײַטיק פלעגט אים דער גראף שיקן אהיים מיט א וועגעלע קארטאפל, מעהערן, ציבאלעס, קרויט, בערוקעס, אבער אן א קאפיקע געלט. אזוי איז עס אנגעגאנגען עטלעכע וואכן און מײַן טאטע האט נישט געוואגט צו פרעגן דעם גראף וועגן געלט. איך האב נישט געקענט צוזעהען ווי מײַן מאמע דארף בארגן אין לײַען, האב איך באשלאסן זיך צו זעען מיט ר׳ הערש מענדל רויכל. איך פלעג אים זעען גייענדיק צום זוויהעלער רב ז"ל,

וועלכער האט געוווינט אין הערש מעכל׳ס הויף, לעבען צוקערמאנען. אין א געוויסן דינסטאג
האב איך אים אפגעוואַרט און געזאגט:"איך דארף מיט אייך רעדן." פרעגט ער מיך:"וועמ ביזט דו?"
זאג איך אים אז מיין טאטע איז מרדכי סטאלאר. זאגט ער:"איך קען דיין טאטן און האב אפילו
געקענט דיין זיידן. סא וואס זשע ווילסטו?"דערציייל איך אים אז מיין טאטע ארבעט ביים גראף
פארנאווסקי און ער גיט אים קיין געלט נישט, ער גיט אים נאר ציבלעס, בעריקעס, קרויט, און
וועגן געלט האט מיין טאטע מורא צו פרעגן, ווי וואגט מען צו פרעגן א גראף אף געלט? "דארום
בעט איך אייך, ר׳ הערש מענדל, איר זאלט מיר פארקויפן עטליכע קאסטנס, איך וועל זיי צונעמען
און מאכן לאקשן-ברייטלאך, זאלץ-ברייטלאך, האק-ברייטלאך, טשולנט-ברייטלאך, זייך בענקעלעך,
וויגעלעך, שליטעלעך, קאנקעס, ביקסלעך, שווערדלעך, פאלן-בויגנס, גרעגערס א.א.וו."

ווען איך האב געענדיקט דעם פלאן וואס איך וועל טון מיט די קאסטנס, זאגט מיר ר׳
הערש-מענדל:"קום מיט מיר, איך וועל זעען וויפל קאסטנס איך האב."מיר זענען בײדע געווען
אויף דער בריק, האט ער גענומען א איזוואזטשיק און געפארן מיט מיר צו דער קלייט. באלד האט
ער מיר געלאזט וויסן אז סאיז דא 6 קאסטנס און ער קען זיי מיר פארקויפן פאר איין קערבל.
זאג איך אז איך האב נים קיין געלט, זאגט ער:"איך ווייס, ברענג דו דאס געצייג און צונעם
די קאסטנס, און איך וועל זיי שוין צו דיר שיקן מיט דיין פעטער לייזער בארשאפ."מיין פעטער
לייזער איז געווען א בענדיוזשניק און פלעגט ברענגען אלע סחורות פון וואקזאל.

אזוי האט זיך עס אנגעהויבן. איך האב מיט ר׳ הערש מענדל געהאנדלט קארגע צוויי יאר
צייט. איך וויל בלויז זאגן אז מיין טאטע האט פון דעם גרויסן גראף געהאט קארטאפלס און
איך פון ר׳ הערש-מענדל׳ס קאסטנס האב אפגעשפארט 240 רובל, און מיין מאמע האט געהאט אויף
אלעס וואס זי האט באדארפט.

– – – – –

– – – – יעצט הער רויכל, גיי איך פארענדיקן מיינע נארישקייטן, מיינע קינדער-
זכרונות. מיט 30 יאר צוריק וואלט עס אפשר ארויסגעקומען גאנץ אנדערש, א קאפף פון 50 יאר
האט בעסערע פעהיגקייטן ווי א קאפף פון 82 יאר.

– – – – –

<u>יצחק וואקמאן</u>

## פון קרעמעניצער פאלקלאר

(געדרוקט אין "מאג-מארגן זשורנאל", ניו-יארק, 28 יולי 1968)

דער חזן יוסף שטערנבערג, א ייד א זקן אין א היים אויף דער וועסט סאיד, א
געבוירענער א בעסאראבער וואס האט לאנגע יארן געזונגען ביי יאנקל חזן אין קרעמעניץ,האט

מיר דערציילט אז אין קרעמעניץ פלעגן די חסידים נאכן מחדש זיין די לבנה זינגען אזא לידל:

לעבעדיגער, לעבעדיגער, א גוטער חודש,
זינגט־זשע אלע צוזאמען;
א רבילע, א גבאילע, א גבאילע, א רבילע
איז ניטא ביי קיינעם;
זינגט זשע אלע, טרינקט זשע אלע,
ליידיקט אוים דאס פלעשל;
זינגט זשע אלע, זינגט זשע אלע
פריילעך ביי דעם רבין.

— — — — — — — —

ביי אונדז אין קרעמעניץ איז געווען א מנהג, פאר דער חתונה איז די מאמע פון דער כלה געגאנגען אויפן בית החיים און גערופן אירע עלטערן צו דער חתונה. רבקה די זאגערין, געדענק איך, פלעג מיט איר שטעקן אנקלאפן אין דער מצבה און האט געזאגט אזוי:

"שלום, פרייד צו אייך און פרייד צו אייער געלעגער, ס'איז ארויסגעקומען אייער טאכטער׳ס שיינדל אייך צו רופן אויף דער חתונה צו דער טאכטער ביילע. זאלט איר גיין פאר כסא של מלכות און בעטן דעם באשעפער אז די חתונה זאל זיין אין א גליקליכער שעה מיט א סך מזל פאר דעם יונגן פאר".

די זאגערין פלעגט אוועקגיין און האט איבערגעלאזט די מאמע זיך אויסצווויינען לעבן דעם קבר.

— — — — — — — —

י. רוכל

## ביכער איבערבליק

אין אונדזער זשורנאל עפענען מיר א נייע אפטיילונג פאר איבערבליקן ביכער, וועלכע געפונען זיך אין דער ריב"ל ביבליאטעק.

צום אנפאנג – א איבערבליק איבער ר׳ יצחק בער לוינזאנ׳ס ערשטן בוך:

"תעודה בישראל"*

אין "תעודה בישראל", וועלכער איז דער ערשטער בוך פון אונדזער מחבר, (געדרוקט

צון ערשטן מאל אין יאר 1928), געפינען מיר די וויכטיגסטע געדאנקן און עלעמענטן פון ריב"לס תורה.

די הויפט מעלה פון זיינע ביכער אין אלגעמיינעם איז זייער זיין געווענדעט צום דעם "תכלית הנרצית". אויב מיר וועלן נעמען אין אכט די באדינגונגען פון זיין ארבעט אין דער שטאט קרעמעניץ, ווו ער האט נישט געהאט די נויטיקע קוואלן און ביכער, - בלייבט אונדז נאר צו באוואונדערן זיין בקיאות און זיינע מאדערנע, ריכטיקע אנשויאונגען.

דער בוך "תעודה בישראל" האט צו יענער צייט שטארק באיינפלוסט די השכלה ליטעראטור. זיינע אנשויאונגען זענען דאן געווען גאנץ נייע, דרייסטע און רעוואלוציאנערע. זיי האבן אויפגערעגט די חסידים אין פאדאליע און אין וואלין, און האבן גורם געווען צו א נייעם צונאמען "תעוד'קה", פאר די כופרים און אפיקורסים. אין געגנזאץ דאצו האט דער בוך דערוועקט א אויסערגעווענלעכע התלהבות צווישן מענטשן פארשידנארטיקע אין זייערע וועלט-אנשויאונגען, "משכילים" און נישט "משכילים", און אפילו חב"דער חסידים האבן גערן אויפגענומען דעם בוך.

"תעודה בישראל" ענטפערט אויף פינף פראגן-פראבלעמען, וועלכע זענען אין אנפאנג פון 19/טן יארהונדערטס געווען זער אקטועל און וויכטיג פארן יידישן געסא אין רוסלאנד און אין פוילן.

א) צו מעג מען לערנען העבראיש לויטן דיקדוק ב) צו מעג מען לערנען פרעמדע שפראכן ג) צו מעג מען לערנען אויסערליכע לערעס און וויסנשאפטן ד) צו איז בכלל נוצליך צו לערנען שפראכן און וויסנשאפטן ה) צו וועלן די אלע וויסנשאפטן און לערעס נישט ברענגען מער היזק ווי נוצן פאר יידן.

ריב"ל ברענגט פיל ראיות פון תלמוד און העבעראישער ליטעראטור פון מיטלאלטער, ער דערווייזט אז עס איז ממש א פליכט פאר יעדן יידן צו קענען גרינטליך לשון קודש. און דאס איז אונמעגלעך צו דערגרייכן אן דעם "דיקדוק". אין קענען די העברעטישע שפראך זעט ריב"ל גרויסע נאציאנאלע נוצן. "די העברעאישע שפראך איז דער מיטל-שטאנג, וועלכער בינט צענויף און פאראייניגט אלע אונדזערע ברודער, וועלכע זענען צוזייט און צושפרייט איבער דער גארער וועלט. נאר די שפראך בינט צוזאמען די הערצער צו גלויבן און דינען גאט. אן איר (די שפראך) ווער ווייסט צו וואלט נאך ביי די היינטיקע טעג א שריד ופליט געבליבן פונם פאלק, פון זיין גלויבן און תורה".

דא שטייט פאר אונדזערע אויגן ריב"ל דער גרויסער נאציאנאלער ייד. אין דער העברעאישער שפראך זעט ער איינעם פון די וויכטיקסטע פאקטארן פארן פארבינדונג מיט אלע טיילן פון פאלק.

וואס געהערט צו פרעמדע שפראכן, דערווייזט ריב"ל אז יידן האבן אין אלע צייטן באנוצט זיך מיט די שפראכן פון אנדערע פעלקער, נישט זעענדיק אין דעם קיין סכנה. נאך אין די צייטן פון "בית שני" האבן זיך די יידן באנוצט מיט דריי שפראכן: העברעאיש, אראמיש, און גריכיש. און אפילו "קריאת שמע" האט מען געמעגט ליינען אין גריכיש. (שמע – בכל לשון שאתה שומע). זיי האבן נישט נאר גערעט, נאר אויך געשריבן אין יענע שפראכן. דאס זענען געווען שארפע און דרייסטע געדאנקען – פאר יענע צייטן, אפילו פארופענדיק זיך אויפן רמב"ם און אנדערע פוסקים.

נאך דערווייזט ריב"ל אז באזיצנדיק אנדערע שפראכן וועלן מיר קענען דערגרייכן אין לערנען וויסנשאפטן און "חכמות", אין וועלכע א מענטש נויטיגט זיך, כדי צו דערגרייכן זיין גייסטליכע גאנצקייט. שוין משה רבנו איז געווען בקי אין נאטור-וויסנשאפט. דוד המלך און נאך מער שלמה זיין זון האבן געשריבן פארשידענע ספרי חכמה. ער זאגט : "לערנען שפראכן, וויסנשאפטן און אנדערע חכמות וועלן נישט ברענגען קיין שאדן דער רעליגיע און נישט פארשוואכן די יסודות פון גלויבן. אדרבא, דאס וועט ווירקן צום פארשטארקן די ליבע און גלויבן אין ה' יתברך".

אין די לעצטע קאפיטלען פון זיין בוך שטעלט ריב"ל פעסט אז יעדער ייד דארף לערנען א פאך כדי זיך מתפרנס זיין בכבוד, ער ברענגט ראיות פון תלמוד און פוסקים, און רעכנט אויס א גאנץ לאנגע שורה פון תנאים און אמוראים וועלכע זענען געווען בעלי-מלאכות און האנטווערקער. ער באקלאגט זיך אויפן פאקט, וואס עס זענען נישט פארהאן קיין שולעס פאר לערנען יידישע קינדער א מלאכה און איז פארביטערט געגן דער נעגאטיווער, באליידיגנדער באציאונג צו ארבעט, צו וועלכער אונדזערע ווייטע אבות האבן זיך באצויגן מיט כבוד.

אויך טרעט ער ארויס געגן דעם אלגעמיינעם דראנג פון יידן צו מסחר, און נישט צו ערד-ארבעט, וועלכע איז געווען אזוי אנגענומען און באליבט דורך אונדזערע אבות-אבותינו.

* דער איבערבליק איז געשריבן לויט קלויזנערס בוך: "היסטוריה של הספרות העברית החדשה", באנד 3, תשי"ב, צוויטע אויסגאבע.

יידיש – רחל נדיר-אטיקער.

נאָמיצן אפן קאלענדאר

שרייבער און ווערק

# 180 יאר פון ריבל׳ס געבורטס-טאג

(„סאוועטיש היימלנד״, מאסקווע, סעפטעמבער 1968)

דעם 9 סעפטעמבער ווערט 180 יאָר, זינט עס איז אין קרעמענעץ (וואָלין) געבוירן געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע האסקאלע־טוער אין רוסלאנד יִצחאָק־בער לעווינזאָן (ריב״ל).

י.־ב. לעווינזאָנס ווערק האָבן געשפּילט אן אויסשליסלעכע ראָליע אין דער האסקאלע־באוועגונג, זיי האָבן אים געמאכט א שעם פון דעם „מענדעלסאָן פון די רוסישע יידן״. אין נײַנצעטן יאָרהונדערט איז לעווינזאָן געווען איינער פון די גײַסטיקע פירער פון די יִדישע מאַסקילים אין רוסלאנד.



אן איבערצײַגטער קעגנער פון יִדיש, האָט י.־ב. לעווינזאָן געפירט אן אגיטאציע פאר שפּראכלעכער אסימיליאציע. אין זײַן בארימטן ווערק „תעודה בישראל״ („טעודא בעיִסראָעל״ — א צײַגעניש, א דאָקומענט בא יִדן), דערשינען אין 1828, שטעלט ער די פראגע, צי מעגן יִדן לערנען פרעמדע שפּראכן, און ער דערווײַזט, אז יידן דארפן אננעמען די לאנד־שפּראך. פונדעסט־וועגן האָט ער אין דעם זעלבן 1828 אנגעשריבן אין א פײַנעם פאָלקס־טימלעכן און יאָדערדיקן יִדיש זײַן סאטירע „די העפקער־וועלט״, וווּ ער קריטיקירט שארף די קאהאל־לײַט, גאַבאָים און באלטאקסעס, וועלכע דריקן און שטיקן די ארעמשאפט, און פירט דורך דעם געדאנק, אז יידן דארפן אריבערגיין צו ערד־ארבעט. מאקס עריק האָט אין צו־זאמענהאנג מיט אָט דעם ווערק טרעפלעך באמערקט: „מאשמאעס, אז מע ליבט דאָס פאָלק, מוז מען אויך ליבן זײַן שפּראך״.

דאָס בוך „די העפקער־וועלט״ האָט דערזען די ליכטיקע שײַן ערשט אין זעכציק יאָר נאָכדעם, ווי עס איז אנגעשריבן געוואָרן, — אין 1888, אין שאָלעם־אלייכעמס „יודי־שע פאָלקס־ביבליאָטעק״, ערשטער באנד. אין יִדיש איז פארבליבן אויך א ליד פון י.־ב. לעווינזאָן — „פּור־רים־שפּיל אויסגערופן אין שול״.

י.־ב. לעווינזאָן איז געשטאָרבן אין זײַן געבורט־שטאָט דעם 13 פעברואל 1860.



# ה ל כ ו   ל ע ו ל מ ם

## דני וואצמאן

דעם 10-טן אקטאבער 1968 איז אין עלטער פון 56 יאר געשטארבן אונדזער א בן-עיר דני וואצמאן. נאך צוויי טאג פאר זיין טויט איז ער אנגעקומען געווארן אין שפיטאל, ווי עס איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז ער טראגט אין זיך א מסוכנע קרענק, וועלכע האט טאקע געבראכט צו זיין אזוי איבעראשענד שנעלן סוף.

איך געדענק, ווי היינט, דנין אלס דעם ילד שעשועים פון די בריקס אין קרעמעניץ. זיין זיידע, ר' ביירישׂ בריק דער מייסטער שלאסער, וואס האט דאס פאך געלערנט פון זיך אליין, איז אויך געווען א תלמיד חכם און א יודע נגן. זיינע תפילות פארן עמוד זענען געווען פול מיט מתיקות. אין מיינע אויגן האט ר' ביירישׂ אויסגעזען ווי דער תנא ר' יצחק נפחא איינער פון די אזוי באליבטע בא יידן געשטאלטן אין תלמוד, וואס האבן אין זיך פאראייניקט תורה און מלאכה. פון יענע אוראלטע געשטאלטן אונזערע, אויף וועלכע עס פאריפט זיך י.ב. לעווינזאן, ווען ער טרעט ארויס פארטיידיקן דעם כבוד און וויכטיקייט פון מלאכה און זיין גרונדווערק "תעודה בישראל", אין די וועגן פון זייער פאטער זענען געגאן ר' ביירישעס זין. און זייער ווערקשטאט האט דני אין זיך אריינגעזאפט די ליבע צו ארבייט. דארט האט ער געמאכט די ערשטע שריט אין שלאסעריי. ער האט זיך אין אס דעם פאך פארפאלקאמט אין דער ארט שולע אין קרעמעניץ.

מיט זיין גוטן און באשיידענעם כאראקטער האט דני צו זיך געצויגן די הערצער פון זיינע שול חברים און איז שפעטער געווען ענג געבינדן מיט דער יוגנד פון אלע באוועגונגען אין שטאט און באליבט דורך אלעמען.

אין יאר 1935 האט דני עולה געווען קיין ארץ ישראל. דא האט ער געפונען א ווארעמע היים אין דער משפחה פון זיין פעטער לאזער ברוק אין תל-אביב, ער האט זיך דארט אנגעשטעקט מיט דעם הייסן פאטריאטיזם וואס האט ביי די בריקס אזוי געערשט, און וועלכער האט אין אים בעפלאקערט אלע יארן.

קורץ נאך דעם האט דני חתונה מיט ליזה שינקמן, א בת-עיר, און זיי גייען בויען זייער אייגענע נעסט.

אין יאר 1937 הויבט דני אן צו ארבייטן אי די אונטערערדישע ווארשטאטן פון דער הגנה וואו ער ווערט אנפארטרויט מיט פאראנטווארטליכע אויפגאבן. די דאזיקע ארבייט. וועלכע איז פארבונדן געווען מיט געפאר, מסירות נפש אין דער עיקר, מיט קאלטבלוטיקייט און

זעלבסט-באהערשונג, האט זיך אמבעססן געפאסט צו דניס כאראקטער.

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל פארענדיקט דני זיין אויפגאבע אין די בעוועד-
ווארשטאטן. נאך א קורצער צייט הויבט ער אן ארבייטן אלס אינסטרוקטאר פון פרעציזיער
מעכאניק אין א מיטעלע פאך-שול אין אשקלון, און נאכער אין דער פאך-שול "שבח" אין תל-
אביב. וואו ער האט זיך מיר אמאל פארטרויט האט אים די לערעריי פיל באפרידיגט. לי׳

צוויי קינדער האבן ליזע און דני אויפגעבראכט , א זין אלדד און טעכטערל שרה׳ .
וועלכע איז געוועו זייער געראטן. נאכן פארענדיקן פון מיטעל שולע ווערט שרה׳לי גערופן
צו מיליטער. דארט ווערט זי געשיקט אויף א אפיצירן קורס.

אייניגע טעג פאר דעם פארענדיקן פון קורס און פון איר מיליטער דינסט בכלל גייט
שרה׳לי ארויס מיט איר אפטיילונג אויף איבונגען מיט לעבעדיקע האנט-גראנאטן.

ווען עס קומט אן איר רייה צו ווארפן די גראנאטע רייסט די זיך אויף אין איר
האנט און זי ווערט דערהרגעט אויפן פלאץ.

שרה׳לעס עלטערן, וועלכע האבן מיט אונגעדולד געציילט די טעג צו דער ענדע פון איר
דינסט און געבויט פלענער פאר איר צוקונפט, האבן אנשטאט זייער היים געליבטער טאכטער,
באקומען די שרעקליכע בשורה.

פינף יאר זענען פאריבער פון דאן. זייער זין אלדד ברייננט אויף דער וועלט צוויי
קינדער, צוויי אייניקלעך, פאר ליזן מיט דני, פיל געליבטע דורך זיי. אבער זיי האבן
זייער טרויסט ניט געפינען. די טיפע וואונד זייערע האט זיך ניט פארהיילט. דער אומגליק
זייערער האט פארוואלקנט אלעס און האט, ווי עס ווייזט אוים, אונטערגעגראבן דאס געזונט
פון דניין.

אויפן מיליטערישן ביח עלמין אין קרית שאול, צווישן די רייען פון די געפאלענע
קעמפער רוען די ביינער פון שרה׳לע און ניט ווייט פון איר האט געפונען זיין אייביקע רו
איר פאטער, דני ז"ל, וועלכער איז געוועז א באשיידענער אבער וויכטיקער שותף צו די
אוניפארמירטע שכנים זיינע.

אין טאג פון שלושים האט די פארוואלטונג פון שולע "שבח" צוזאמען מיטן ארגון יוצאי
קרעמעניץ אפגעהאלטן אן אזכרה אין זאל פון דער שולע. עס האבן אים מספיד געוועזן דער
פארוואלטער פון שולע ה. טבו, וועלכער האט באצייכענט די נאבעלע שטריכן פון דניס כאראקטער,
ה. שבתאי האט דערציילט וועגן זיינע און דניס געמיינזאמע ארבייט אין תע"ש, די אונטערערדישע
"הגנה" ווארשטאטן.

יוסף אבידר האט אויפגעבראכט זכרונות פארבונדענע מיט דניס קינדהייט און זיין משפחה פון קרעמעניץ, ווי אויך באצייכנט דניס חלק ביים שטארקן דעם כוח פון דער הגנה.

- - - - -

<u>נחום ווישנער</u>

צוריק מיט א מאנאט איז אין צ׳יקאגו געשטארבן פון איין הארץ אטאק אונזער בן-עיר נחום ווישניער, אין עלטער פון 82 יאר.

נחום ווישניער איז צוריק מיט 63 יאר אנגעקומען קיין אמעריקא. אין פארלויף פון אט דער לאנגער צייט האט ער קיינמאל ניט איבערגעריסן זיין ענגן קאנטאקט מיט דער משפחה. אלע זיינע בריוו האבן געשפרודעלט מיט הומאר און יידישן בטחון. ער האט פארמאגט א אוצר פון קרעמעניצער פאלקלאר און פיל פערל פון אט דעם אוצר האבן באגלייט זיינע אפטע בריוו.

נחום ווישניער האט אלע זיינע יארן שווער געארבעט, אבער דאך האט ער מיט א ברייטער האנט געשטיצט יעדן, ווער עס האט זיך צו אים געווענדעט און באזונדערס די "גרינע" לאנדסלייט.

אין דער צייט פוןביידע וועלט מלחמות איז ער געווען זייער טעטיק אין די פארשידענע רעליף קאמיטעטן, אויך איז ער געווען א טיכטיקער מיטגלידער פון דער יידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, כמעט פון איר געבוירן. ווישניער מיט זיין פרוי רחל האבן זיך פיל אפגעגעבן דער "קרעמענעצער און ברעזעצער סאסייטי" אין צ׳יקאגו און דורך זיין פארמיטלונג האט די סאסייטי איבערגעפירט גרעסערע סומען געלט פאר דער לעווינזאן ביבליאטעק. צוריק מיט 12 יאר האט ער מיט זיין פרוי באזוכט ישראל. עס האבן אויך דאן געוויילט אין ישראל זייערע פריינד די פרוי און הער דירעקטאר פון צ׳יקאגו, וועלכע זענען גוט באקאנט פיעל קרעמעניצער פון די מחנות און דייטשלאנד און אויך דא אין ישראל. די פארוואלטונג פון אונזער פאראיין האט זיי דאן ווארעם אויפגענומען אין תל-אביב.

נחום ווישניער האט געלאזט נאך זיך זיין געטרייע לעבענס פריינד רחל, צוויי זין און שנירן, אייניקלעך און איין אוראייניקל, ווי אויך א יונגערן ברידער ד״ר מאקס ווישניער אין מיאמי.

יהיה זכרו ברוך.

- - - - - - -

<u>יוסף טאפט</u>

צוריק מיט זעקס יאר האט אין ישראל געוויילט א סטודענט פון קאנאדע, יוסף טאפט. ער האט זיך פאר מיר פארגעשטעלט אלס זיין פון דער פארשטארבענער טאכטער פון דעם העברעיישן לערער יוסף בורשטיין, צו מיר איז ער געקומען מיט דער רעקאמענדאציע פון זיין פעטער שאול בורשטין אין וויניפעג.

יוסף טאפט האט ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו דער פארגאנגענהייט פון זיין זיידע בורשטיין ווי אויך צו קרעמענעץ בכלל.

ער האט געזאלט בלייבן דא שטודירן אין ישראל, אבער די ידיעה פון פלוצלינגן טויט פון זיין פעטער מענדל בורשטיין האט אים געצוואונגען זיך תיכף אומקערן קיין וויניפעג. ער האט אונדז זיינער צייט פון דארט געשריבן און אויך איבערגעשיקט זיין תרומה פאר דער לעווינזאן ביבליאטעק.

צוריק מיט צוויי וואכן האט אונדז מאקס דעסער פון וויניפעג צוגעשיקט א אויסצוג פון אן ענגלישער צייטונג, ווי עס ווערט געמאלדן דאס דער שריפטשטעלער פון קאנאדער ראדיו פראגראמען, יוסף טאפט, אין עלטער פון 33 יאר, איז געפונען געווארן טויט אין באדע-צימער פון זיין וווינונג אין טאראנטא, און אז פאליציי פארשט די סיבה פון טויט.

מיר דריקן אויס אונזער צער און מיטגעפיל די געבליבענע מיטגלידער פון בורשטיין פאמיליע אין וויניפעג.

\- - - - -

<u>אייניקל פון מרים און נחמן דעסער</u>

א טראגישער פאל איז געשען צוריק מיט אייניגע וואכן אין דער פאמיליע פון אונזער בן-עיר נחמן דעסער און זיין פרוי מרים, וועלכע וווינען אין ניו-יארק.

נחמן און זיין פרוי זענען געפארן אין זייער אוטא פון ניו-יארק אין דער ריכטונג פון דער שטאט, וווּ עס וווינט זיין זין, אום דארט צוזאמען פייערן דער שניר'ס געבורטסטאג. אויפן וועג האט זיך זיין אוטא צוזאמענגעשטויסן מיט א צווייטן. ביידע אוטאס זענען שטארק געשעדיקט געווארן, אבער אלע פאסאזשירן זענען צו זייער מזל ארויס גאנץ.

אויף צו מארגנס, ווען די פרויען האבן זיך פארנומען אין זייער זינס הויז מיט די פארבערייטונגען צו דער פייערונג, האט נחמנ'ס זין גענומען די צוויי טעכטערלעך (איינע $9\frac{1}{2}$ יאר די צווייטע $11\frac{1}{2}$ יאר אלט) אויף א שפאציר. ווען זיי האבן רוהיג געשפאצירט אויפן

טראַנספּאָרט, איז פּלוצלינג אַ אויטאָ, געשטויסן דורך אַ צווייטן, אַרויף מיט אימפּעט אויפן טראָטואַר און דערהרגעט דאָס עלטערע מיידעלע.

מיר האָבן מיט גרויס צער אויפגענומען די טראַגישע ידיעה.

דער אומגליק איז אַ גרויסער און טראַגיש זענען די אומשטענדן, ביי וועלכע ער איז געשען.

אַלע קרעמעניצער נעמען אַ טיפן אַנטייל אין דעם צער פון דער פאַמיליע דעסער אין די פאַראייניגטע שטאַטן און אין קאַנאַדע.

- - - - - -

<u>הדסה פרידמאַן</u>

פון וואַרשע איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה, דאָס הדסה פרידמאַן, די פרוי פון יוסף פרידמאַן איז געשטאָרבן. ליידער באַזיצן מיר ניט קיין פּרטים וועגן איר פאַמיליע צושטאַנד, זי האָט געדאַרפט אַלט זיין יעצט ביי די 62-63 יאָר.

הדסה איז די טאָכטער פון רייזל און אהרן פרידמאַן. איר פאָטער, אהרן, איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ איבערגעגעבענער און טיכטיקער ציוניסט אין קרעמעניץ.

הדסה ווי איר שוועסטער רחל זענען געווען ענג געבונדן מיט די לינקע יוגענט קרייזן אין קרעמעניץ. מיט דעם אַפּטרעטן פון די סאָוויעטן פון קרעמעניץ ווערן די שוועסטער פרידמאַן צוזאַמען מיט זייערע צוקונפטיקע מענער פרידמאַן און ליורע גורביץ עוואַקואירט קיין רוסלאַנד. נאָכן קריג קומען זיי, ווי אַלע קרעמעניצער פון זייער קרייז, צוריק קיין פּוילן. פרידמאַן ווערט דאָרט אָנגעשטעלט אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן און יורודישער פּראָפעסאָ-וואָס עס איז מיט אים יעצט, קען מען זיך נאָר אָנשטויסן.

* * *
*

<u>פ א ר ש י ד ע נ ע ס</u>

אין ווידער: <u>צו איז געווען א אויפשטאנד אין קרעמעניצער געטא און ווער האט דעם געטא אונטערגעצונדן</u>

די טעמע האבן מיר באהאנדלט אין העפט נר. 3, ברענגענדיק יוסף ברעגמאנ'ס רשימה, וועלכע איז פארעפענטליכט געווארן אין "סאוויעטיש היימלאנד". זיין באשרייבונג פון דעם אויפשטאנד שטימט נישט מיט די פון בצלאל שווארץ און טובה טעפער'ס אין פנקס קרעמעניץ". אויך דער חבר פון כנסת גדעון האוזנער, באקאנט אלס אייכמאנ'ס פראקוראר, האט דערמאנט אין זיין רעדע אין כנסת אין "יום השואה" דעם אויפשטאנד אין קרעמעניצער געטא נאך יוסף ברעגמאנ'ס באטרוובונג.

אויף אונזער אנפראגע וועגן די קוועלן אויף וועלכע ער איז זיך מסתמך, שרייבט אונדז הער האוזנער אין זיין בריוו פון 14.8.68:

"מיר איז באקאנט די רשימה פון "סאוועטיש היימלאנד", ווי אויך וועגן איך אן אייער אויפמערקזאמקייט אויפן בוך "ספר מלחמת הגיטאות", זייט 486, דערציילט דורך פרידה בורנשטין:

"דעם 9 אוגוסט 1942, ווי נאר די זון איז אויפגעגאנגען האבן פלוצלינג ארומגערינגלט דעם געטא פאליציי און זשאנדארמעריע. עס האט אויסגעבראכן א קאמף אונערווארטעט און נישט ארגאניזירט. דעם ערשטן טאג זענען געפאלן 6 דייטשן און זשאנדארמען. אויף צו מארגנ'ס 10, דעם דריטן טאג פון קאמף האבן די יונגווארג אונטערגעצינדן דעם געטא. אין די פלאמען האבן זיי פארגעזעצט דעם קאמף אין די צושטערונג ארבייט. דער געטא האט געברענט א וואך צייט. די פלאמען זענען אויסגעלאשן געווארן מיטן לעצטן אטעם פון לעצטן יידישן קעמפער".

\- - - - - - -

<u>די יערלעכע אזכרה</u> צום אנדענק פון קרעמעניצער קדושים איז פארגעקומען דאס יאר, ווי אלעמאל, אין טאג פון 14 אוגוסט 1968 אין הויף פון סעמינאר הקבוצים, אין תל-אביב, ביי ריבל"ל'ס ביבליאטעק. סע זענען אנוועזענדס געווען הונדערטער קרעמעניצער, וועלכע זענען זיך צוזאמען געקומען פון אלע עקן לאנד. מיט דעם אוונד האט אנגעפירט מרדכי אוסיקער (אות-יקר), גערעדט האבן מאנוס גאלדענבערג און יצחק פארסנאי. דער באוווסטער צ'לו שפילער יעקב מענזע, האט אנטייל גענומען מיט פאסענדע מוזיק. דאסמאל מער ווי יעדן מאל האבן זיך באטייליגט פיל יוגענטליכע.

עס זענען דערוועקט געווארן דורך די רעדנער צוויי נייע פאלגענדע טעמען:

1) אלט-וועלטלעכער צוזאמענפאר פון קרעמעניצער אין אוגוסט 1969 אין ישראל.

2) דאס צוציונג פון דעם יינגן דור צו דער טעטיקייט פון "ארגון עולי קרמניץ".

\- - - - - - -

<u>בעלא בערנשטיין (קודלאש)</u> פון בוענאס איירעס געפינט זיך יעצט אין ישראל זייט א פאר מאנאטן, צוליב פערזענלעכע משפחה ענינים. ביי דער געלעגענהייט איז אויפגעשטעלט געווארן די מצבה אפן קבר פון איר שוועסטער צירה ז"ל, אין אנוועזנהייט פון קרעמעניצער חברים און אנדערע. בעלא האט אנטייל גענומען אין אייניקע זיצונגען פון ועד און אויך פון דער רעדאקציע פון "קול יוצאי קרעמעניץ". זי האט זיך באקאנט מיט אונזער טעטיקייט און האט אונז באקאנט געמאכט מיט דער ארבייט פון אונדזערע לאנדסלייט אין ארגענטינע.

– – – – – –

<u>LITERARIA JUDAICA-HEBRAICA</u>

די סעקציע פאר יידישער אויסבילדונג פאר דערוואקסענע פון די "בני-ברית" אין אמעריקע האט צוגעטראטן צו א פרעקטיקער ליטעראַרישער אונטערנעמונג, צו פארעפנטליכן דורך פאטאגראפיע די אויסדערוויילטע ליטעראטור פון 18-טן און 19-טן יארהונדערט, די תקופה פון דער השכלה. די וויכטיקע איניציאטיוו ווערט אונטערגעהאלטן דורך די היכע יידישע בילדונגס אנשטאלטן אין אמעריקע (ישיבה יוניבערסיטי, אוניווערסיטעט אויפן נאמען פון בראנדייס, אנשטאלטן פאר רבנים און לערער, ייוו"א און נאך אנדערע), וועלכע זארגן אויך פאר אויסבילדונג אין דער נייער העברעישער ליטעראטור און געפינען נישט דערצו די נויטיקע ביכער פון יענער תקופה, ביכער וועלכע זענען יעצט "יקרי-המציאות" ( א זעלטענהייט).

דער ערשטער טייל ענטהאלט א רשימה פון 18 ביכער, אריינרעכענדיק די "פעריאדיקא". פון זיי זענען ביז יעצט פארעפנטליכט געווארן 88 די איבריקע וועלן ערשיינען אין פארלויף פון יאר 1969.

ריבל"ס ביבליאטעק, וועלכע האט זיך פארגענומען צו קאנצענטרירן די ביכער פון "השכלה" צייט, באגריסט די וויכטיקע איניציאטיוו פון די "בני ברית" אין אמעריקע און ווונשט זיי ערפאלג אין זייער אונטערנעמונג.

עס ווייזט זיך ארויס אז, אומגעפער, א העלפט פון די ביכער פון דעם ערשטן טייל Literaria Judaica Hebraica געפינען זיך שוין ביי אונדז אין ביבליאטעק. די איבריקע וועלן מיר זיך באמיען צו ערווארבן. די טעכנישע אויספירונג פון דער אונטערנעמונג איז דורך: Ams Press, inc. 56 East 13th str. N.Y.

– – – – – –

<u>דער חנוכה אוונט תשכ"ט</u>

עס איז שוין א טראדיציע בא אונדז אז יעדן יאר חנוכה קומען זיך צונויף אין תל-אביב די קרעמעניצער פון גאנצן לאנד, פארברענגענדיק צוזאמען ביי די חנוכה ליכטלעך מיט לאטקעס. דאס יאר צום באדויערן, האבן מיר זיך אנגעטראפן אויף פיל שוועריקייטן. צווישן זיי די

אונמעגליכקייט צו באקומען א זאל פאר א צוגענגליכן פרייז.אזוי אז מיר האבן געמוזט מבטל זיין דעם געדאנק. אינדזערע חברים פון חיפה זענען נוהג זיך צוזאמען טרעפן פורים, און מיר האפן אז דאסמאל וועלן אויך פון אנדערע עקן לאנד אונזערע חברים זיך באטייליקן אין דעם יום טוב. דאס וועט אפשר זיין א באלוינונג פאר דער נישט פארגעקומענער מסיבה פון חנוכה.

– – – – – –

<u>א טעות אויסבעסערונג:</u> אין העפט נומ. 2 "קול יוצאי קרמניץ" איז פארעפענטליכט געווארן (זייט 13) א רשימה פון געלד-סומען באקומענע פון אויסלאנד. צום באדויערן איז נישט דערמאנט געווארן ישראל רויך׳ס, פון בוענאס-איירעס,שפענדונג פון 50 דאלאר. מיר פאריכטן די רשימה און בעטן פון דעם חבר רויך "סליחה".

* * *
*

<u>שוניה ריש׳ס טאכטער אין אמעריקע</u> צוריק מיט איניגע יאר האט זיך צו אונדז געווענדעט די אלמנה פון שוניה ריש׳ס, און וואדשע מיר זאלן די מיט איר טעכטעכל אריבערנעמען קיין ישראל. די זאך איז ניט צושטאנד געקומען צוליב פארשידענע סיבות, דער עיקר צוליב איר אנאנטשלאסענקייט.

די פרוי ריש איז נאכער שווער קראנק געווארן און, פילענדיג אז איר טויט דערנענט זיך, האט זי זיך געווענדעט צו אירע פריינד אין ניו יארק, זיי זאלן איר טעכטערל אדאפטירן.

ווי עס שרייבט אונדז יי. וואקמאן געפינט זיך שוין דאס 12 יעריקע, זייער געראטן מעדעלע, אין ניו-יארק בא דעם פארפאלק, די פריינד פון ריש׳ס, ע"ה.

אויך שרייבט וואקמאן דאס דידאזיגע פריינד פלאנירן א רייזע קיין ישראל צוזאמען מיטן קינד. מיר וועלן דאן האבן די געלעגנהייט זיך מיט זיי אלע באקאנען.

– – – – – –

# קרעמעניצער

## לאנדסלייט

# שטימע

## אין ישראל און אויסלאנד